ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# לב שמח

אידיש

**662**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# לֵב שָׂמֵחַ

אין דיזען ספר ווערט ערציילט ווינדערליכע מעשיות, פון דיזע צדיקים וואס ווערען דא אויסגירעכענט, מיר האבען דאס גידרוקט אויף זשארגאן כדי יעדער מענש זאל קענין ליינען, און וויסען דאס גרויסקייט פון דיזע הייליגע צדיקים זכותם יגן עלינו, און זיך אפצולערנען, וויא אזוי צו דינען השי"ת:


א) פון קאזיניצער מגיד ז"ל.
ב) נאך פון קאזיניצער ז"ל.
ג) פון רבי'ן פון לובלין ז"ל.
ד) נאךפונרבי'ן פון לובלין ז"ל.
ה) נאךפונרבי'ן פון לובלין ז"ל.
ו) פון ר' אורי' סטרעליסקער ז"ל.
ז) נאך פון ר' אורי' סטרעליסקער ז"ל.
ח) פון רבי'ן ר' הירש אלימלך פון דינוב ז"ל.
ט) פון ר' משה ליב סאסיבער ז"ל.
י) נאך פון ר' משה ליב סאסיבער ז"ל.
יא) פון ר' דוב מראדושיץ ז"ל.
יב) פון נודע ביהודא ז"ל.
יג) פון רבי'ן ר' העשיל ז"ל.



פשעמישל

שנת תרפ"ה לפ"ק

# אַ וואונדערליכע מעשה פון קאָזניצער מגיד זצ"ל:

דער הייליגער קאָזניצער מגיד ר' ישראל זכרונו לברכה פלעגט ימים נוראים אַליין זיין בעל תפלה. איינמאָהל איז דער הייליגער מגיד צו געגאַנגען יום כפור זאָגען כל נדרי און איז אַזוי געשטאַנען ביים עמוד אַ לאַנגע צייט. און האָט גאָהר נישט געזאָגט נאָר שטאַרק געוויינט נישט אַזוי ווי זיין שטייגער איז געוועזען אַלע מאָהל. האָבען די חסידים פאַרשטאַנען אַז עס איז עפּעס נייעס. און עס איז אויף זיי געפאַלען אַ גרויסער פחד. פליצלינג האָט זיך דער הייליגער מגיד אויס געדרייט צום עולם, און געפרעגט צו עס איז נישט דאָ צווישען דעם עולם איינער אַ פילאַווער. האָבען זיי זיך אומגעקוקט און זיי האָבען נישט געפונען נאָהר זייער אַ פּראָסטען מענטש פון אַ דאָרף וואָס עס איז צווישען גנייוועשוב און צווישען פילאַוו ביי דער ווייסעל און זיי האָבען איהם געבּרענגט צום הייליגען מגיד. האָט איהם דער מגיד געפרעגט צו ער קען די שטאָדט פילאַוו, האָט ער געענטפערט איך קאָן די שטאָדט פילאַוו זייער גוט. דען איך האָב אין דאָרף אַ מילכעגס און איך פיהר אַלע טאָג די מילך מיט דער פּוטער קיין פילאַוו. האָט דער הייליגער מגיד איהם געפרעגט צו ער קען דעם דאָרטיגען פּריץ קשאָנזע שאַטרינסקע און זיין הינט. האָט ער געענטפערט אַז ער קען גוט דעם פּריץ און אויך זיין הינט. און האָט דערציילט אַז דער הינט איז אַזוי גרויס ווי אַ קיה. און ער לויפט שטענדיג אַרום אין שטאָדט נאָר ער טשעפּעט קיינעם נישט. אויך ער בילט נישט. האָט איהם ווידער דער הייליגער מגיד געפרעגט ווי האָט ער גענומען דעם הינט. האָט דער מענטש געזאָגט אַז דער פּריץ איז אַ מאָהל געפאָהרען קיין אויסלאַנד אויף אַ געיעג פון פערד. האָט ער דאָרט געקויפט דעם הינט און האָט פאַר איהם בעצאָהלט אַכטצעהן הונדערט רענדליך און האָט איהם ספּעציעל אויס געמויערט אַ שטאַל ער זאָל דאָרט שטענדיג שטיין. די שטאַל האָט אויך בעטראָפען צוויי הונדערט רענדלעך. און אַלע טאָג פלעגט דער פּריץ אַליין איהם געבען עסען צעהן פונט פליש. און איינמאָהל האָט דער פּריץ איהם געבּרענגט צו עסין. האָט ער נישט געוואַרט ביז דער פּריץ איז צו איהם צו געקומען אַזוי ווי אַלע מאָהל נאָר ער איז איהם אַ קייגען געלאָפען און האָט דאָס פלייש אויס געחאַפּט פון פּריץ'ס האַנד. איז דער פּריץ בייז געוואָרען און האָט געהייסען צולייגען די שטאַל פון דעם הינט. און האָט דעם הינט זייער געשלאָגען און אַרויס געיאָגט פונ'ם הויף און פון דעמאָלט אָהן לויפט ער אַרום אין דער שטאָט פילאַוו און ער טשעפּעט קיינעם נישט. און ווי דער הייליגער מגיד האָט שוין אויס געהערט די גאַנצע מעשה פון דעם דאָרפסמאַן האָט ער זיך באַלד אויס געדרייט צום עמוד און האָט דריי מאָהל אויסגעשריגען מיט אַ פייערדיג געשריי „נו די הערסט מלאָך מיכאל" און האָט תיכף אָנגעהויבען צו זאָגען כל נדרי. די חסידים האָבען זיך זייער פערוואונדערט:

מוצאי יום הקדוש האָבען די חסידים אויסגעקליבען

אױסגעקליבּען די גרעסטע פֿון זײ װאָס זענען געװעזען שטאַרק מקורב צום הײליגען מגיד זכרונו לברכה זײ זאָלען איהם פֿרעגען װאָס דאָס איז געװעזען יום הקדוש פֿאַר כל נדרי. װאָס ער האָט אַזױ שטאַרק געװײנט. און דערנאָך מיט דער מעשה פֿון פּריץ מיט'ן הינט. און װאָס ער האָט געשריגען דרײ מאָהל „מלאָך מיכאל די הערסט". האָט זײ דער הײליגער מגיד געזאָגט הערט אױס װעל איך אײך דערצעהלען די מעשה װאָס דאָ איז געװעזען. נעכטען דאָס הײסט יום הקדוש בײ נאַכט איז געװעזען אַ גרױסער קיטרוג אױף יודען אין הימעל. און די מעשה פֿאַר װאָס דער קיטרוג איז געװעזען איז אַזױ. אין דער שטאָדט מעכיװ װאָס איז לעבען קראָקאָ האָט געװאָהנט אַ גרױסער אָרימאַן און ער האָט געבּרױכט אַ טאָכטער חתונה מאַכען. און האָט נישט געהאַט אַפילו אַ פּרוטה. האָט איהם דאָס װײב גע־פּײניגט אַז ער זאָל זיך אַרױסלאָזען אױף דער װעלט און מקבץ זײן אױף הכנסת כלה. נאָר װײל ער איז געװעזען זײער אַ שעמיװדיגער און האָט קײנעם נישט גערעדט קײן נדבה, נאָר װער עס האָט איהם אַלײן גיגעבען האָט ער גענומען. פֿאַרשטײט זיך אַז ער האָט נישט גימאַכט קײן פֿיהל געלד. בּפרט אױף חתונה צו מאַכען האָט ער אַ װדאי נישט געהאַט. און ער איז אַזױ גיגאַנגען פֿון שטאָדט צו שטאָדט ביז ער איז געקומען קײן פּילאַװ און האָט דאָרט אױך צו זאַמען גענומען געלד. און איז אַװעק געגאַנגען פֿון פּילאַװ. אין װעג האָט ער זיך דערמאַנט אָן זײן ביטערע לאַגע. אַז ער איז װײט פֿון זײן הײם און האָט שױן אַזאַ לאַנגע צײט געװאַנדערט און האָט נאָך גאָר קײן געלד נישט מיט װאָס אַ הײם צו קומען. און האָט זיך שטאַרק צו װײנט און איז געגאַנגען און געװײנט:

אין פֿליצלונג איז דורך געפֿאָרען דער פּילאַװער פּריץ און נאָך איהם זענין געפֿאָהרען נאָך אַ חברה פּריצים װאָס זענען געזעסען אין דעם פּריצ'ס גיטער. און האָבען אים בּעגלײט אױפ'ן װעג מיט גרױס פּאַראַד. און װי דער פּריץ האָט גיהערט דאָס יעמערליכע געװײן פֿון דעם יוד האָט ער זיך אָב גישטעלט מיט דער קאַריטע. און האָט דעם יוד צו גערופֿען. און גיפֿרעגט װאָס ער װײנט. אין אָנהײב האָט דער יוד נישט געװאָלט צו גײן דען ער האָט מורא געהאַט זײ זאָלען איהם ניט שלאָגען. אָבער װײל דער פּריץ איז געשטאַנען און האָט עטליכע מאָהל גערופֿען האָט ער געמוזט צו גײן. און ער האָט דעם פּריץ דערצײלט זײן גאַנץ אָרימקײט און אַז ער דאַרף יעצט חתונה מאַכען אַ טאָכטער און ער האָט נישט קײן געלד דריבּער װײנט ער אַזױ שטאַרק. האָט איהם דער פּריץ גיפֿרעגט װיפֿיהל ער דאַרף אױף חתונה צו מאַכען, האָט ער איהם געזאָגט הונדערט רענדליך. האָט איהם דער פּריץ גיגעבען אַ קװיט אין זײן קאַסע אַרײן. און האָט איהם געזאָגט אַז ער זאָל מיט דעם קװיט גײן אין שטאָדט אַרײן און זיך נאָך פֿרעגען צו זײן פּאַלאַץ און זאָל אַרײן גײן אין קאַסע אַרײן װעט מען איהם בּאַלד געבען די הונדערט רענדליך. און דער פּריץ איז װײטער געפֿאָהרען זײן װעג:

דער אָרימאַן האָט גערעכענט אַז דאָס איז נישט מעגליך אַז דער פּריץ זאָל איהם געבען אַזאַ גרױסע נדבה

נדבה. איז ער דען משוגע געוואָהרען ער זאָל צוריק געבען אַ יוד אַזוי פיהל געלד. עס איז נישט אַנדערש נאָר ער האָט פון איהם געמאַכט אַ שפּאַס. און ער האָט מורא געהאַט צו גיין אין הויף אַריין צום פּריץ נאָהר. ער איז געגאַנגען זיין וועג ווייטער ביז ער האָט שוין גיהאַט אַ פאָהר הונדערט גולדען. און עס איז שוין באַלד גיוועזין ימים נוראים. האָט ער שוין אָנגיהויבען זיך צוריק אומקערען אַהיים. און איז צוריק וועגס נאָך אַ מאָהל געוועזען אין פּילאַוו. און איז אײַנגעשטאַנען ביי איין יוד. און האָט זיך צו שמיעסט מיט דעם יוד און איהם דערציילט ווי דער וועג איז איהם צו געגאַנגען. ביז ער האָט איהם אויך דערציילט די מעשה פון׳ם פּריץ. אַז ער האָט איהם געטראָפין אין וועג און האָט איהם געגעבען אַ בריף אַז ער זאָל מיט דעם בריף גיין אין זיין הויף אַריין אין דער קאַסע וועט מען איהם געבען הונדערט גילדענע רענדלעך. האָט דער בעל הבית גיהייסען זיך ווייזען דעם בריף פון׳ם פּריץ האָט ער איהם געוויזען:

און ווי דער בעל הבית האָט געזעהן אַז דאָס איז אַ ריכטיגער קוויט האָט ער זיך שטאַרק פערווינדערט. און האָט איהם געזאָגט ווי געפינט זיך אין אַ מענטש אַזוי פיהל פוילקייט. איהר קענט דאָך מיט דעם בריף בעקומען דאָס גאַנצע געלד וואָס איהר דאַרפט האָבען. און איהר זאָלט נישט דאַרפען אַרום גיין נאָך נדבות. און אַז איהר וועט וואַרטען ביז דער בריעף וועט צוריסען ווערען וועט איהר אין גאַנצען היזק האָבען. און האָט איהם געזאָגט ער זאָל שוין גיין אין הויף אַריין מיט דעם בריף אָב נעמען דאָס געלד. אָבער ער האָט גאָהר נישט געמאַכט מיט זיינע רייד. דען דער מענטש איז געוועזען זייער אַ גרויסער בטלן און אַ פוילער האָט ער דעם בעל הבית אויך נישט געוואָלט גלייבין. און האָט מורא געהאַט צו גיין. נאָר דער בעל הבית האָט אויף איהם רחמנות געהאַט. האָט ער ביי איהם גענומען דעם קוויט און איז אַליין געגאַנגען אין הויף אַריין און האָט אָב גענומען אין דער קאַסע דאָס געלד און האָט עס געברענגט דעם אָרימאַן. האָט ער זיך זייער געפרייט און איז אַהיים געפאָהרען פריילעך:

און ווי די מעשה איז געטוהן געוואָרען איז אויף דעם הימעל געוואָהרען אַ גרויסער קיטרוג אויף יודען. פאַר וואָס דער אָרימאַן האָט אַרום געוואַנדערט אַזוי פיעל יודישע שטעדט און האָט נישט גיקענט חתונה מאַכען. און דער פּריץ אַליין האָט איהם גיגעבען ווי פיהל ער האָט געוואָלט און ער האָט חתונה געמאַכט. און דער מלאך מיכאל וואָס ער איז שטענדיג אַ גיטער מליץ פאַר דעם כלל ישראל איז געבליבען שטיל און האָט אויך גאָהר נישט געוויסט וואָס צו ענטפערין. דריבער האָב איך אַזוי שטאַרק געוויינט. ביז דער דאָרפסמאַן האָט דערציילט די מעשה פון דעם פּריץ ווי ער האָט אויס געגעבען אַזוי פיהל געלד אויף דעם הינד. האָב איך געזאָגט צום מלאך מיכאל די זעהסט אַז דאָס געלד וואָס דער פּריץ האָט דעם אָרימאַן גיגעבען. איז נישט ווייל ער האָט אויף איהם רחמנות געהאַט. נאָר ווייל עס איז ביי איהם קיין געלד נישט חשוב. וואָהרען די זעהסט דאָך אַז

אויף

אויף אַ הינד האָט ער אויס גיגעבען צוואָנציג מאָהל אַזוי פיהל. דאַמאָלס איז הערשט דער קיטרוג בטל געוואָהרען. און איך האָב גיקענט דאַוויגען כל נדרי. דער זכות פון הייליגען קאָזניצער מגיד זצ"ל זאָל אונז ביישטיין אַז עס זאָלען פון אינז בטל ווערען אַלע קיטרוגים און שלעכטע גזירות און מיר זאָלען געהאָלפען ווערען אמן :

## נאָך אַ ווינדערליכע מעשה פון קאָזניצער מגיד זצ"ל:

דאָס לעצטע יאָהר איידער דער הייליגער קאָזניצער מגיד זצ"ל איז נפטר געוואָרען, ווען ער האָט געזאָגט כל נדרי פאַר'ן עמוד און ער איז צו געקומען צו די פסוקים „ויאמר ה' סלחתי כדבריך" האָט זיך דער הייליגער מגיד אַנידער גישטעלט און אָהנגעהויבען צו טענה'ן צו השי"ת מיט דעם לשון: רבונו של עולם, דיין שטאַרקייט איז דאָך ניט בעוויסט קיין שום ברי' אויף דער וועלט אויסער דיר אַליין, און מיין שוואַכקייט קען אויך קיינער נישט וויסען אויסער דיר, און אין דעם קען מען וויסען ווי שוואַך איך בין היינט אַז איך פלעג שטענדיג דאַווינען אַלע טאָג פאַר'ן עמוד און דאָס יאָהר האָב איך נישט געדאַוועגט, דאָס ווייסט דאָך קיינער נישט דעם אמת אַז עס איז דורך מיין שוואַכקייט אויסער די רבונו של עולם, און פון דעסטוועגען אַ גאַנצען חודש אלול האָב איך יאָ געדאַוועגט פאַר'ן עמוד, און די רבונו של עולם ווייסט דאָך דעם אמת אַז איך האָב נישט מיך אין זינען געהאַט, נאָר דיין הייליג פאָלק יודען, און איך האָב פאַר זיי מתפלל גיוועזען, אַלזאָ פרעג איך דיך איין פראַגע, רבונו של עולם, פאַר וואָס איז פאַר מיר קיין שום זאַך נישט שווער צו טוהן פאַר די יודענס וועגען חאָטש איך בין אַזוי שוואַך, און די וואָס דיא ביסט אַזוי שטאַרק איז פאַר דיר שווער צו זאָגען די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך":

דער נאָך האָט ער ווייטער געזאָגט, אפשר ווילסטו ניט זאָגען די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך" ווייל עס איז נישט דאָ קיין צדיקים אין דור, די האָסט דאָך אין רימאַנוב דעם הייליגען ר' מענדילע פריסטוגער וואָס ער שטייט פאַר פיהל צדיקים פון דער וועלט, און אפשר רבונו של עולם ווילסטו נישט זאָגען די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך" ווייל עס איז ניט דאָ די „אורים ותומים", האָסט דו דאָך דעם הייליגען חוזה [דער נביא] פון לובלין ר' איציקעל וואָס ער לייכט אַזוי ווי די „אורים ותומים" וואָס זענען געוועזען אויפ'ן כהן גדול, און אפשר רבונו של עולם ווּעסטו זאָגען אַז דריבער ווילסטו נישט זאָגען די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך" ווייל עס איז ניט דאָ קיין בעלי תשובה אויף דער וועלט, חאָטש איך בין אַזוי שוואַך, בין איך גרייט תשובה צו טוהן פאַר'ן כלל ישראל, און איך בעט דיך זייער די זאָלסט זאָגען „סלחתי כדבריך" און האָט אַזוי געזאָגט עטליכע מאָהל, דער נאָך האָט ער געהייסען זינגען און האָט מיט אַהויך קול געגעבען אַגעשרייא „ויאמר ה' סלחתי כדבריך", און דעם

אייגענעם

אייגענעם יום הקדוש האט דער הייליגער רבי פון לובלין זכרונו לברכה געזאגט צו זיינע חסידים, ווי העלפט שוין השי"ת אז עס זאל נאכט ווערען און מיר- זאלען הערען גוטע בשורות פון קאזעניץ דען דער קראנ-קער וואס ער ליגט שטענדיג אין בעט [דאס האט ער געמיינט דעם הייליגען קאזעניצער מגיד] איז מרעיש עולמות, און ווי מען האט דערציילט די מעשה פאר'ן הייליגען ריזשינער זכרונו לברכה האט ער געזאגט איך גלייב באמונה שלמה אז דער קאזעניצער מגיד האט געהערט פון השי"ת אליין די ווערטער "סלחתי כדבריך", זונ נישט וואלט ער נישט געוועזען ווייטער געדאווענט, זיין זכות זאל אונז ביי-שטיין אמן:

# א וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן פון לובלין זצ"ל:

דעם רבי פון לובלינ'ס פאטער האט געוואהנט אין לאנצוט און זיין זוהן ר' איציק'ל האט געהאט זעהר א גוטען קאפ און איז געווען איין עילוי, האט ער מיט איהם געטהון א שידוך פון דער פרעמד מיט א גרויסען גביר, און דער גביר האט דעם חתן אויס געקליידט און האט נאך דעם פאטער געגעבין געלד אין קעשענע אריין, און ווי עס איז געקומען דער זמן חתונה, האט דער גביר איהם געשיקט אויף הוצאות און זיי זענען געקומען צו פארין אויף דער חתונה. אין טאג פון דער חתונה האט דער חתן געזאגט צו זיין פאטער, אונזערע חכמים ז"ל האבין געזאגט אז מען טאר נישט מקדש זיין קיין אשה איידער מען זעהט זי, און איך האב דאך נישט געזעהן די כלה. האט איהם דער פאטער געזאגט, איך גיי צום מחותן און וועל איהם זאגען אז ער זאל דיר שיקען די כלה. איז ער געגאנגין צום מחותן און האט איהם געזאגט אז דער חתן וויל זעהן די כלה. דער מחותן איז אריין געגאנגין צו זיין טאכטער די כלה און האט איהר דאס געזאגט, איז זי זייער צופרידען גע-וועזין דערפון, און האט זיך תיכף אנגעטהון דאס גאנצע צוהערינג און איז געגאנגען מיט איהרע חבר'תיס צום חתן, און דער פאטער האט זי איהם געוויזען. פאר נאכט האט מען אנגעהויבען צו שרייען מען זאל גיין צום בעדעקינס דען די חתן כלה האבין שוין גענוג געפאסט, האט דער חתן געזאגט צו זיין פאטער אז ער וויל נישט גיין צום בעדעקינס, ווייל ער האט געזעהען א שתי וערב אויף איהר שטערען. און זיין פאטער האט געוויסט אז זיין קינד איז זייער א ערליכער און א ירא שמים, נאר פאר קיין נביא האט ער איהם נישט געהאלטין, האט ער צו איהם געזאגט, אונזערע חכמים ז"ל האבין דאך גע-זאגט אז עס איז גלייכער אז א מענטש זאל זיך לאזען אריין ווארפען אין א קאלעך אויווען אריין און ער זאל קיין מענטש נישט פערשעמין, און אויב די וועסט יעצט נישט גיין צום בעדעקענס וועסטו דאך די מחותנים אנטהון זייער א גרויסע בושה, און זיי האבין דאך געמאכט זייער גרויסע הוצאות

הוצאות אויף דער חתונה. האָט דער חתן געזאָגט און וואָס זאָל איך אָבער טוהן אַז איך האָב געזעהן אַזאַ שלעכטין צייכין אויף איהר שטערין. האָט איהם דער פאָטער געזאָגט אויב די ווילסט מיך האָרכין מײַן קינד, זאָלסטו גיין צום בעדעקינס און אויך צו דער חופה און זי מקדש זיין כדת משה וישראל. דער נאָך אַז די וועסט נישט קענען מיט איהר וואוינען וועסטו דיך גט'ן:

האָט ער גיפאָלגט דעם פאָטער און איז גיגאַנגין צו דער חופה און מען האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה. אין דער פריה איז דער פאָטער אַרײַן געגאַנגין און האָט זיך מיט זיי געזעגינט און איז אַוועק געפאָהרען און ער האָט זיך געטראַכט איך האָב איהם דאָך איבער געלאָזט בײַ איין גביר מסתמא וועט אַלעס זײַן אין אָרדינונג. אָבער דער יונגער מאַן האָט אויף זײַן ווײַב אַפילו נישט געוואָלט קיין קוק געבין. אין די ערשטע פאָהר טעג האָבין זיי איהם גאָר נישט געזאָגט, נאָר ווי עס איז אַוועק געגאַנגין עטליכע וואָכען איז דער גביר אַרײַן גיגאַנגען צו איהם און האָט איהם געזאָגט פאַר וואָס פערשעמסטו מײַן טאָכטער אויב זי גיפעלט דיר נישט קאָנסטו זי גט'ן און איך וועל דיר אָב געבין דײַנע צוריסענע קליידער און קענסט דיר גיין ווי די וועסט וועלין. האָט ער איהר גיגעבען אַ גט און איז פון דאָרט אַוועק:

דער נאָך ווי ער האָט זי גע'גט האָט ער זיך מיישב גיוועזען עס טויג נישט ער זאָל אַהיים קומען צו זײַן פאָטער, דען ער וועט האָבען עגמת נפש דערפון, איז ער אַוועק קיין מעזריטש צום רבי'ן ר' בער, און איז דאָרט גיזעסין זיבען יאָהר און האָט גילערינט בײַ טאָג און בײַנאַכט. אין סוף פון די זיבען יאָהר ווי ער האָט שוין געהאַט אַ סאַך אָנגילערינט מיט תורה און חסידות, האָט ער זיך געלאָזט אַ היים גיין, דאָס איז גיוועזען חנוכה צײַט, און ער איז נישט געגאַנגען גוט אָנגעטוהן, און עס איז אין דרויסען זייער קאַלט גיוועזען, אַז ער האָט שוין נישט געקענט איבער האַלטען, האָט ער דערזעהן אַ קרעטשמע איז ער דאָרט אַרײַן געגאַנגען אפשר וועט מען איהם דאָרטען לאָזען נעכטיגען. ווי ער איז אַרײַן געקומען אין דער קרעטשמע האָט ער גיזעהן אַז אין דער קרעטשמע איז גיוועזין נאָר אַ יונג ווײַבעל, האָט ער זי גיפרעגט ווי איהר מאַן איז דאָ, האָט זי איהם געזאָגט אַז ער איז אין אַ דאָרף דער לעבין, און ער וועט אַוודאי אין אַ שעה אָדער העכסטינס אין צוויי שעה אַהײַם קומען, האָט ער גיטראַכט מען טאָר טאַקע נישט זײַן מיט אַ אשה אַליין, אָבער דאָך איז ער נישט מחויב זיך מוסר נפש צו זיין ווייל ער האָט געפילט אַז ווי באַלד ער וועט נאָך גיין אַשטיקעל וועגס וועט ער געוויס געפרוירען ווערין, דריבער איז גלײַכער אַז ער זאָל דאָ איבער נעכטיגען, האָט ער זיך געקויפט לעכט און האָט זיך אַנידער געזעצט לערנען, איז די בעל הבית'טע צו גיקומען אין האָט אויסגעלאָשין דאָס לעכט און האָט איהם אָהנגירעדט ער זאָל מיט איהר טוהן אַ עבירה האָט ער נישט געוויסט וואָס פאַר אַ עצה צו טוהן דען זי האָט פערשלאָסין די טוהר אַז ער זאָל נישט קענין אַנטלויפין, האָט ער איהר

געזאָגט

געזאָגט אַז ער מוז פריער אַרויס גיין, און ער לאָזט איהר איבער דאָס פעקיל זיינס פאַר אַ משכון אַז ער וועט באַלד צוריק אַריינקומען, האָט זי איהם אויפגעשלאָסין, און ווי ער איז אַרויס גיקומען האָט ער זיך געטראַכט יעצט איז שוין די צייט וואָס עס האַלט ביי דער עבירה פון עריות אַליין, דריבער וועט ער זיך מוסר נפש זיין אַזוי ווי דער דין איז, און איז פון דאָרט אַ וועק געלאָפין, און די קעלט איז גיוועזען זייער גרויס איז ער פערחלשט געוואָרין און איז אַנידער געפאַלין אויף דער ערד און אַזוי ווי ער איז נאָך פון דאָרט אַרויס געגאַנגען, איז איהר מאַן דער בעל הבית פון דער קרעטשמע אָנגיקומען, האָט ער געפרעגט וועמינס איז דאָס פעקיל האָט זי איהם געזאָגט מסתמא פערקערט אַזוי ווי די מעשה פון יוסף הצדיק מיט פוטיפר'ס ווייב, אַז עס איז דאָ אַריין גיקומען אַ ישיבה בחור מיט דעם פעקיל און האָט זי געבעטען אַז זי זאָל איהם לאָזען דאָ בעכטיגען האָט זי איהם געלאָזט, האָט ער זיך געלאָזט אויפ'ן קול לערנין און זי האָט גימיינט אַז ער איז אַ ערליכער מענטש האָט זי איהם געבעטען ער זאָל אַכטונג געבין און זי איז זיך גיגאַנגין לייגין שלאָפין און ווי ער האָט געזעהן אַז איך האָב מיך אויס געטוהן האָט ער פערשלאָסין די טיהר און אויסגילאָשין דאָס לעכט און האָט מיך געוואָלט פערגוואַלדיגען, נאָר ווי איך האָב אָהנגעהויבען צו שרייען אויף מיין קול רעכענדיג אַז די וועסט געוויס באַלד אָנקומען, האָט ער מורא בעקומען און איז אַנטלאָפין און האָט איבער געלאָזט דאָס פעקיל אויפ'ן טיש. דערווייל איז אַדורך געפאָרען אַ בעל עגלה דורך דער קרעטשמע, איז ער אַריינ-געגאַנגען טרונקען אַ ביסעל בראָנפען האָט ער גיהערט ווי זי דערציילט דעם מאַן די מעשה, און ער איז אויך געפאָרען אויף דעם וועג ווי דער רבי פון לובלין ז"ל איז גיגאַנגען און ווי די פערד האָבען גיזעהן ליגען אַ מענטש אויף דער ערד האָבען זיי זיך דעשראָקען און האָבען זיך אָב גישטעלט, איז דער בעל עגלה אַראָב געגאַנגען זעהן וואָס דאָרט איז, האָט ער דערזעהן אַ מענטש ליגט אין שניי האָט ער איהם גענומען אויפ'ן וואָגען און האָט איהם אָנגעהויבען צו רייבען מיט בראָנפין ביז השי"ת האָט געהאָלפען דאָס ער האָט איהם דערמינטערט, און חאָטש דער בעל עגלה האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז דער מענטש וואָס די קרעטשמערין האָט פון איהם דערציילט אַז ער האָט זי גיוואָלט פערגיוואַלדיגען, דאָך האָט ער גיהאַט אויף איהם רחמנות, און האָט איהם אַרום געדעקט מיט אַלטע שטיקער וואָס ער האָט געהאַט אויפ'ן וואָגען, און איז מיט איהם אַוועק געפאָרען:

און ווי דער הייליגער רבי האָט זיך אַביסעל בערוהיגט און זיך אָנ-גיוואַרימט האָט ער שטאַרק אָנגעהויבען צו וויינען אַז השי"ת זאָל איהם מוחל זיין וואָס ער איז גיוועזען מיט אַ אשה אַליין אין שטוב דען ער זעהט דאָך אַז עס האָט איהם גאָר נישט גיהאָלפען, פערקעהט ער האָט דאָס פעקיל זיינס אויך היזק געהאַט, איז דאָך אַ בעוויז אַז ער האָט די זאַך נישט רעכט געטוהן און ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט ביז ער האָט אַריין גיברענגט אַ געדאַנק פון תשובה אין

דעם

דעם בעל עגלה אַרײַן. דער בעל עגלה האָט אויך אָנגעהויבען צו שרײַען וואָס האָט זיך מיט מיר געטוהן וואָס איך האָב אַזוי פיעל געזינדיגט און האָט שטאַרק תשובה געטוהן, דערנאָך האָט זיך דער בעל עגלה איבער גערעכענט וואָס איז ער עפיס משוגע געוואָרען ער זאָל דערציילען פאַר אַ פרעמדין מענטש זײַנע עבירות וואָס ער האָט געטוהן, עס איז נישט אַנדערש נאָר דער מענטש וואָס ער האָט איהם אויפגענומען אויף דער פיהר איז אַ צדיק, און ער האָט איהם געברענגט דערצו תשובה צו טוהן, און די מעשה פון דער קרעטשמערין איז פערקערט, דאָס זי האָט איהם צו גירעדט צו טוהן איין עבירה, און ער איז מיט איהם אַזוי געפאָרען אַ פאָהר מײַל, האָט ער איהם געפרעגט ווי אַהין ער דאַרף, האָט ער געזאָגט קיין לאַנצוט, און אַז זיי זענען צו געקומען צום וועג וואָס מען דאַרף זיין אָב דרייען קיין לאַנצוט האָט דער בעל עגלה געזאָגט איהר דאַרפט דאָך זײַן אין לאַנצוט, און איך פאָהר אין איין אַנדערע זײַט, איז ער אַראָב געגאַנגען פון דער פיהר, און האָט געזאָגט צום בעל עגלה, וואָס פאַר אַ בקשה דאַרפט איהר וועל איך אייך בענטשין, האָט דער בעל עגלה געזאָגט וואָס פעהלט מיר איך האָב דאָך אַ ווײַב מיט קינדער אין אַ וואָגען מיט אַ פאָהר גוטע פערד, וואָסזשע דאַרף איך פון השי"ת און וואָס דאַרף השי"ת פון מיר, פרעגט איהם דער הייליגער רבי פון לובלין, און זוהן האָט איהר אויך, האָט ער געזאָגט ניין ער האָט נישט נאָר טעכטער, האָט איהם דער רבי גיבענטשט אַז ער זאָל געהאָלפען ווער'ן מיט אַ בן זכר, און ער זעלבסט זאָל איהם בענטשען צו דער חופה, און האָט זיך מיט איהם אָב גיזעגונט און איז אַרײַן גיגאַנגען קיין לאַנצוט. אין אַ צײַט אַרום האָט דעם רבי'ן ר' איציקעלס פאָטער גיטוהן מיט דעם רבי'ן ר' איציקיל אַ שידוך פון לובלין, און דער רבי איז דאָרט גרויס און בײַוויסט גיוואָרען אויף דער גאַנצער וועלט מיטן נאָמען דער חוזה פון לובלין, און דער בעל עגלה איז אַ היים גיפאָהרען, און זײַן ווײַב האָט דאָס זעלבע יאָהר געהאַט אַ בן זכר. און אַז זײַן זוהן איז אויפגעוואַקסען, האָט דער פאָטער מיט איהם אַ שידוך געטוהן פון לובלין מיט אַ צווייטען בעל עגלה, און ווי עס איז גיקומען פאַר דער חופה האָט דער מחותן פון לובלין געזאָגט, אַזוי ווי עס איז דאָ אַ רבי, איז גלײַך מיר זאָלין גיין פאַר דער חופה צו איהם ער זאָל בענטשין אונזערע קינדער די חתן כלה, איז דער מחותן בעשטאַנען און זיי זענען אַהין געגאַנגען מיט די חתן כלה, און ווי דער בעל עגלה איז אַרײַן געקומען האָט ער דערקענט דעם רבי'ן און האָט געגעבין אַ פאַטש מיט ביידע הענד און אויסגעשריגען דאָס איז דאָך דער אייגענער, און די מענטשין וואָס זענען דאָרט געוועזען האָבען זיך דערשראָקין, דען זיי האָבין נישט געוויסט וואָס ער מיינט דערמיט, און דער בעל עגלה איז נאָך אַמאָהל צו געגאַנגין צום רבין און האָט איהם אָהן געקוקט און ווידער ווינדערליך אויסגעשריגען דאָס איז דאָך דער אייגענער, האָט איהם דער רבי גע-פרעגט וואָס ער מיינט דערמיט, האָט ער איהם געזאָגט איהר געדענקט נישט דעמאָלט ווען איהר זענט אַנטלאָפין פון דער קרעטשמע און איך האָב אייך גיטראָפען

גיטראָפּין ליגען אין שנייַ גיפּרווירען און האָב אייך דערמינטערט, האָט איהר מיך געבענטשט אַז איך זאָל האָבען אַ זוהן און איהר זאָלט איהם בענטשין צו דער חופּה, יעצט איז אייער ברכה מקוים געוואָרען, זייט איהר מקיים וואָס איהר האָט מיר דאַמאָלס צו געזאָגט, האָט זיי דער רבי געבענטשט. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל:

# נאָך אַ ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן פון לובלין ז"ל:

אין דער שטאָדט זאַמושטש איז געווע־זען אַ סאַך מתנגדים, און דער ראש הקהל איז אויך געוועזען אַ גרויסער מתנגד, אַז זיי זענען געוואָהר געוואָרען אַז מען איז געפאָהרען צו אַ רבי'ן האָבען זיי איהם גרודפ'ט, דאָרט איז געוועזען צוויי יונגע לייט וואָס האָבען זייער חשק געהאַט צו פאָהרען קיין לובלין צום רבי'ן ר' איציקיל נאָר זיי האָבען מורא געהאַט פאַר די שטאָדט לייט. איינמאָהל איז ביי זיי אָב גירעדט געוואָרען אַז זיי זאָלען נישט מיט נעמען נאָר טלית און תפילין און אַ שבת'דיג מלבוש און זיי זאָלען אַפילו נישט דערציילען זייערע ווייבער, און זיי זענען געגאַנגען אין וועג אַריין, ווי זיי זענען שוין געוועזען דריי מייל פון שטאָדט, האָט זיי בעגעגענט דער ראש הקהל, און האָט זיי גיפרעגט ווי זיי גייען, האָבען זיי געענטפערט זיי גייען האַנדלין, האָט ער געזאָגט איהר זאָגט ליגענט איהר גייט אַ וודאי קיין לובלין צום רבי'ן, און ער האָט געהייסען אַ גוי ער זאָל זיי פערהאַלטען און ער וועט גייען נאָך פּאָליציי מען זאָל זיי שליסען אין קייטען און אַ היים פיהרען קיין זאַמושטש, און ווי ער איז אַוועק געגאַנגען האָבען זיי גיבעטען דעם גוי, אַז ער זאָל זיי אָבלאָזען דען זיי זענען דאָך נישט קיין גנבים דאָס מען זאָל זיי שליסען אין קייטען, האָט ער זיך געהייסען געבין אויף אַ טרינק בראָנפין וועט ער זיי אָב לאָזען, האָבען זיי איהם געגעבען און ער האָט זיי אָבגעלאָזט, און זיי זענען אַנטלאָפען אין אַ וואַלד אַריין, און ווייל עס האָט אָנגעהויבען צו רעגינען זענען זיי אַריין געגאַנגען טיעפער אין וואַלד צווישען געדיכטע בוימער, דאָס זיי זאָלען נישט אַזוי דורך געווייקט ווערען פון רעגין, אַז עס איז נאַכט געוואָרען האָבען זיי אויף גיהאָנגען זייערע מלבושים אויף די אָבגעהאַקטע ביימער אויסצוטריקענען, און זיי האָבין זיך גילייגט אונטער אַנדערע ביימער שלאָפין, ווי עס איז אַביסעל לעכטיג געוואָרען האָט איינער געזאָגט צום צווייטען דאַכט זיך מיר אַז דער ראש הקהל אונזערער שטייט דאָ, דען פון דער ווייטענס האָט איהם אויסגעזעהן דער בוים וואָס ער האָט אויפגעהאָנגען דאָס היטעל מיט דעם פאַלטען ווי אַ מענטש, האָט דער צווייטער געזאָגט נעם אַ שטעקין און ברעך איהם די ביינער, און ער איז אַזוי פערטראַכט געוועזען, אַז ער האָט נישט געפיהלט אַז ער קלאַפּט אין אַ בוים אַריין, און האָט אָנגעהויבען צו שלאָגען דעם בוים, און געשריגען רשע וואָס האָסטו געוואָלט

געוואָלט פון אונז, און וואָס ביסטו געגאַנגען צו פּאָליציי אונז הייסען שליסען אין קייטען, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבין מיר דיר גיטוהן, און זענען אַוועק געגאַנגען קיין לובלין:

און ווי זיי זענען אַריין געקומען צום רבי'ן, פון לובלין זצ"ל האָט ער זיי געפרעגט ווי האָט מען אַזוי אַ שטאַרק האַרץ צו שלאָגען אַ יוד, אין אָנהייב האָבען זיי נישט פערשטאַנען וואָס ער מיינט דערמיט, נאָר דערנאָך האָבען זיי זיך דערמאַנט די מעשה זענען זיי אַריין געגאַנגען צום רבי'ן און האָבען איהם דערציילט די גאַנצע מעשה וואָס זיי האָט געטראָפען מיט דעם ראש הקהל, אַז ער פייניגט זייער די וואָס פאָהרען צו רבי'ס, האָט זיי דער רבי געזאָגט איהר דאַרפט פאַר איהם שוין גאָר קיין מורא נישט האָבען דען איהר ווייסט וואָס איהר האָט געטוהן מיט אייערע כלומר'שטע קלעפּ, מיט'ן ערשטען קלאַפּ איז זיין ווייב געשטאָרבען, און ביים צווייטען קלאַפּ זענען זיינע קינדער געשטאָרבען, און ביי דעם דריטען קלאַפּ איז זיין גאַנץ פערמעגען פערברענט געוואָרען ר"ל. פון דאַנען קען מען זיך אַרויס נעמען אַ מוסר ווי גרויס דער כח פון די צדיקים איז אַז אַפילו זייערע תלמידים קענען ביי שטראָפען דעם וואָס טוהט זיי שלעכטס חלילה:

# אַ ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' אורי' סטרעליסקער זצ"ל:

דער רבי ר' יודא צבי פון סטרעטין פלעגט צו פאָהרין צום סטרעליסקער רבי'ן ז"ל און דער סטרעליסקער פלעגט איהם שיקען אויף אַזעלכע ערטער וואָס עס האָט קיינער נישט פערשטאַנען נאָך וואָס ער שיקט איהם אַהין, נאָר דער נאָך אַז ער איז צוריק געקומען, איז פון די נעהמען וואָס ער האָט געברענגט, האָט מען געזעהן אַז ער פלעגט איהם צו שיקען מענטשען מחזיר בתשובה זיין, איינמאָהל איז ער גיקומען צום רבי'ן קיין סטרעליסק, האָט דער רבי איהם געהייסען פאָהרען קיין בעסראַביע, איז ער תיכף ביי נאַכט אַוועק גיפאָרען און איז פאַר בלאָנזעט געוואָרען אין אַ וואַלד, און ווי זיי זענען אַרויס געפאָהרען פון וואַלד האָבען זיי דער זעהן אַ גרויסין טייך, האָט דער רב ר' יודא צבי פון סטרעטין געזאָגט צום בעל עגלה ער זאָל דורך פאָהרען דעם טייך, האָט דער בעל עגלה געזאָגט ער וויל פריהער מעסטען דאָס וואַסער ער זאָל וויסען צו עס איז נישט טיף וועט ער דורך פאָהרען, האָט זיך איהם געדאַכט אַז דאָס וואַסער איז נישט טיעף און ער האָט אָהנגעהויבין דורך צו פאָהרען, נאָר ווי די פערד זענען אַריין געגאַנגען אין וואַסער איז דאָס וואַסער זיי געגאַנגען ביז צום האַלז, האָט דער בעל עגלה אָהנגעהויבען צו שרייען, האָט איהם דער רבי געזאָגט צוה צוריק דיא פערד, און השי"ת האָט געהאָלפען זיי זענען אַרויס געפאָהרען, און זיי זענען אַזוי אַרום געפאָהרען אויפ'ן ברעג טייך ביז זיי זענען

זענען געקומען אויף אַ אָרט, האָט דער סטרעטינער געזאָגט צום בעל עגלה, ער מעג דאָ אַריבער פאָהרען און זאָל שוין נישט מעסטין דאָס וואַסער, האָט ער אַזוי געטוהן און זיי זענען בשלום אַריבער געפאָהרען דעם טייך, זענען זיי גיקומען צו אַ קריסטליך הייזיל, און זיי האָבען דעם קריסט גיבעטען ער זאָל זיי וויזען צו אַ יוד, און זיי ווען איהם דער פאַר געבען אויף בראָנפין, איז דער קריסט מיט זיי געגאַנגען, און זיי האָבין אָהנגעקלאַפּט ביי דעם יוד, האָט דער משרת גיעפינט און דער בעל הבית איז געשלאָפען אין דער צווייטער שטיב:

דער נאָך האָט דער קריסט גיפרעגט די יודען ווי קומט איהר צו מיין שטיב, האָבין זיי געזאָגט זיי זענען אַריבער געפאָהרען איבער דעם וואַסער, זענען זיי צו געקומען צו זיין שטיב, האָט ער געזאָגט ווי איז דאָס מעגליך, דער טייך איז דאָך זייער טיעף, און מען מיז זיך איבער איהם איבערשיפען, ער האָט זיי נישט געוואָלט גלייבען ביז זיי האָבען געוויזען דעם צייכען אויפ'ן וואָגען פון דעם וואַסער, האָט ער זיי געזאָגט אַז איהר האָט געקאָנט אַריבער פאָהרען דעם טייך אָהן אַ שיף זענט איהר מלאכים, און האָט אָנגעקלאַפּט ביים בעל הבית אין דער צווייטער שטיב, און האָט געשריגען הייב דיך אויף דען עס איז צו דיר געקומען מלאכים נישט קיין מענטשין, דען זיי זענען דעם טייך אַריבער געפאָהרען אָהן אַ שיף, און האָט נישט געוואָלט ביי זיי נעמען קיין געלד, דען ביי מלאכים וויל ער קיין געלד נישט נעמין, און דער בעל הבית האָט זיך אויפגעהויבען און האָט זיי גיגעבען עסין, און גיפרעגט פון וואַנען זיי זענען, האָבען זיי גיענטפערט זיי פאָהרען צום רבי'ן קיין סטרעליסק, און האָבען איהם דערציילט די גרויסקייט פון סטרעליסקער רבי'ן, און זיי האָבען אָבגיבענטשט און אַביסעל צו גיבעכטיגט, אין דער פריה האָבען זיי אָב געדאַווינט און האָבען זיך צו געגרייט אַוועק צו פאָהרען, האָט זיי דער בעל הבית געבעטען, זיי זאָלען איהם מיט נעמען קיין סטרעליסק, האָבין זיי איהם מיט גענומען און ער איז געוואָרען אַ ערליכער יוד אַ חסיד, זכותו יגן עלינו:

## אַ וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' חיים קאָסיווער ז"ל:

דער רבי ר' חיים קאָסיוער ז"ל איז געוועזען אַ גבאי פון ארץ ישראל געלד, און ער האָט געהאַלטען אַ סאַך משולחים זאָלען אַרום פאָהרען זאַמלען דאָס ארץ ישראל געלד, און איינער פון זיי איז געוועזען דער חסיד ר' פייוויל פון סניאַטין, איינמאָל איז ר' פייוויל געפאָהרען פון סניאַטין האָבען זיי געבלאָנזעט אין וועג, און דער בעל עגלה האָט זיי געזאָגט אַז ער איז נאָך אויף דעם וועג קיינמאָהל נישט געפאָהרען, דערווייל האָבען זיי דערזעהן פון דער ווייטינס אַז עס לייכט זיך אין אַ שטוב, זענען זיי נאָך געפאָהרען נאָך דעם ליכט, און ווי זיי זענען צו געקומען נענטער האָבען זיי געזעהן אַז עס איז אַ קרעטשמע, זענען זיי אַריין געגאַנגען. נאהר

נאָהר עס איז זיי נישט בעקאַנט
געוועזן די קרעטשמע, און די אַלע
משרתים פון דער קרעטשמע זענען
בעגאַנגען רייטש געקליידעט, און
בעוויל עס איז געוועזן קאַלט אין
דרויסען און עס איז געפאַלען אַ גרויסער
שנייא, האָבען זיי דאָרט גערעכענט
צו נעכטיגען, עס איז באַלד צו זיי
צו געקומען איין משרת, און האָט
זי געפרעגט צו זיי ווילען דאָ נעכטיגען,
האָבען זיי געזאָגט יאָ, האָט ער זיי
אריין גיפיהרט אין אַ צימער וואָס
דאָרט האָט געברענט אַ לעכט, און
דער אויוון איז געוועזן געהייצט, און
זיי האָבען זיך אַנידער געזעצט ביים
אויוון, נאָהר עס איז עפעס אויף זיי
געפאַלען אַ מורא, און זיי האָבען
אַליין נישט געוויסט פאַר וואָס זיי
שרעקען זיך, דער ווייל איז אריין
געקומען צוויי פריצים מיט אַ יוד
וואָס איז געגאַנגען אין אַ ספּאָדיק,
און האָבין זיך געהייסין געבען דריי
גלאָז וויין, האָט זיי דער משרת
בעגעבען און זיי האָבען גיטרינקען
און דער יוד וואָס איז געגאַנגען אין
ספּאָדעק האָט נישט געוואָלט טרינקען,
האָבען די צוויי פריצים געפרעגט
פאַרוואָס טרינקסט די נישט, האָט ער
געזאָגט ווייל מען טאָהר דעם וויין
נישט טרינקען, האָבען זיי איהם
גיפרעגט פאַרוואָס האָסטו דאַמאָלס
געטרינקען, און זיי האָבין איהם
געגעבען צוויי פעטש, און זענען מיט
איהם אַרויס געגאַנגען, איז אויף זיי
געפאַלען אַ גרויסער פחד, און זיי
האָבען זיך געמיזט איינער דעם צווייטען
צו האַלטען אַז זיי זאָלען נישט אַנידער
פאַלען פאַר שרעק, אין אַ האַלבע
שעה אַרום זענען זיי ווייטער
אַריין געקומען מיט דעם ספּאָדיקעל
און האָבען זיך ווייטער געהייסען
געבען דריי גלאָז וויין און האָבען
אויס געטרינקען, און דאָס ספּאָדיקעל
האָט נישט געוואָלט טרינקען האָבען
זיי איהם ווייטער געפרעגט פאַר וואָס
טרינקסטו נישט האָט ער געזאָגט ווייל
מען טאָר נישט, האָבען זיי איהם גע-
זאָגט פאַר וואָס האָסט די דאַמאָלס
געטרינקען, און האָבען איהם ווידער
געגעבען צוויי פעטש און זענען מיט
איהם אַרויסגעגאַנגען, און אין אַ האַלבע
שעה אַרום זענען זיי אַריין געקומען
צום דריטען מאָהל און האָבען זיך
געהייסען געבען דריי גלאָז וויין,
האָט זיך דער יוד וואָס איז געגאַנגען
אין ספּאָדיק אויס גידרייט צו ר'
פייוולין און געזאָגט איהר קענט מיך
נישט איך בין דאָך פון אייערע חסידים,
און האָט איהם אָהנגערופען אַ נאָמען
וואָס איז ר' פייוולין בעקאַנט גיוועזן
אַז דער מענטש איז שוין גישטאָרבען,
און האָט איהם געזאָגט איהר זעהט
די יסורים וואָס זיי טוהן מיר אָהן
איך בעט אייך זייער אַז איהר וועט
זיין ביים רבי'ן זאָלט איהר מיך מזכיר
זיין, דערווייל איז געוואָרען נאָך
צוועלף און די קרעטשמע איז פון
זיי פערשווינדען געוואָרען, און זיי
זענען געבליבען שטיין אויפן פרייען
פעלד, און השי"ת האָט זיי מציל
גיוועזן אַז עס האָט זיי גאָהר נישט
געשאַדט:

דער נאָך זענען זיי געפאָהרען
קיין קאָסוב האָט ר' פייוויל
דערציילט דעם רבי'ן די גאַנצע
מעשה, און האָט איהם געזאָגט דעם
נאָמען פון דעם מענטש, האָט דער
רבי געזאָגט אַז דער מענטש איז
באמת גיוועזן אַ ערליכער מענש נאָר
ער איז גיוועזן אַ מעקלער צווישען
פריצים

פריצים אין אמאהל האבען זיי געמאַכט אַ גרויס געשעפט וואָס ער האָט פערדינט אַ פּאָהר הונדערט ר"כ מעקלעריי האָבען זיי איהם נישט געוואָלט געבין נאָר ער זאָל מיט זיי טרינקען אַ גלאָז וויין, און ווייל ער האָט נייטיג געדאַרפען דאָס געלד דען ער האָט געוואָלט אַ שידוך טוהן מיט זיין טאָכטער, האָט ער זיך געלאָזט איבער רעדין פון יצר הרע ר"ל, און ער האָט געטרינקען מיט די פריצים וויין, און פאַר דאָס האָט מען איהם געפסק'ענט אַזאַ עונש ר"ל, און דער רבי האָט פאַר איהם מתפלל געוועזען און האָט געזאָגט אַז פון היינט אָהן וועט ער שוין נישט ליידען קיין עונש. פון דאַנען קענען מיר זעהן ווי גרויס דער כח פון די צדיקים איז, אַז זיי קענען דעם וואָס האָט אין זיי אמונה העלפען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, זייער זכות זאָל אונז ביי שטיין מיר זאָלען זוכה זיין צו האָבען אמונת הצדיקים און געהאָלפען ווערען מיט אַלעם גוטס:

# אַ ווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון רבי'ן ר' הירש מֶלֶיך דינובער זצ"ל:

דער רבי ר' הירש מליך דינובער דער מחבר פון ספר בני ישׂשכר און פיעל אַנדערע ספרים, איז אַמאָהל געפאָהרען אין וועג, איז ער געקומען אין דער פריה אין אַ דאָרף אַריין צו אַ יוד אין קרעטשמע אַריין, דער יוד האָט פאַר זיינעט וועגען אָב געגעבען אַ בעזונדערע שטוב צום דאַוונען, האָט דער רבי געפרעגט, דעם יוד צי עס איז דאָ אַ אָרט ווי זיך מכין צו זיין פאַר'ן דאַווינען, האָט דער יוד געזאָגט אין דער שאַפּע איז דאָ אַ אָרט זיך מכין צו זיין, איז דער רבי צו געגאַנגען, נאָר ער האָט זיך נישט געקענט מכין זיין, האָט דער רבי גיפרעגט דעם בעל הבית אפשר איז דאָ אַמאָהל געווען אויף דעם אָרט פון דער שאַפּע אַ שטוב, האָט דער בעל הבית געזאָגט, אַז נישט, נאָר ער האָט דאָ אַ מאָהל געמאַכט אַ סוכּה, האָט דער רבי געזאָגט אַז דאָס אָרט וואָס מען שטעלט דאָרט אַ דבר שבקדושה, בלייבט דאָרט אַ רושם דערפון, און דאַדורך האָט ער זיך נישט געקענט מכין זיין, און האָט זיי דערציילט אַ מעשה ווי גרויס דער כח פון דער מצוה איז:

אין אַ שטאָדט איז גיוועזען אַ גרויסער גביר, ער האָט געהאַט אַ טאָכטער וואָס זי איז נישט געגאַנגען אין יודישען וועג ר"ל, און וויל ער האָט געהאַט אַ ווין האַנדעל און עס פלעגט אַריין קומען גרויסע לייט האָט זי זיך בעקאַנט מיט אַ גענעראַל, און דער פאָטער האָט דערפון געהאַט שטאַרק עגמת נפש, נאָר ער האָט איהר גאָר נישט געקענט טוהן, האָבען איהם מענטשין געזאָגט אַז ער זאָל זי חתונה מאַכען וועט זי אפשר בעססער ווערען, האָט דער פאָטער מיט איהר געטהון אַ שידוך און האָט גענומען זעהר אַ פיינעם איידעם, אַ געלערנטער מענטש, און אויך אַ שיינער פערשוין, אָבער זי האָט גאָר נישט אָבגעטרעטען

פון איהרע שלעכטע וועגין, און אַז
זי איז טראָגען געוואָרען האָבען מענט-
שען געזאָגט אַז דאָס איז נישט פון
איהר מאַן, איז דער יונגער מאַן
זייער פערשעמט געוואָרען און איז
אַרײַן געגאַנגען צו זיין שווער דער
גביר און האָט איהם דערצעהלט די
מעשה, און האָט אָנגעהויבען שטאַרק
צו וויינען, דער גביר האָט אויך מיט
געוויינט אויף זייער אומגליק, דערנאָך
האָט דער גביר געזאָגט איך ווייס
דאָך דאָס די ביסט זייער אַ פיינער
מענטש און עס איז מיר אַ רחמנות
אַז איך זאָל זיין אַ גורם אין דיין
אומגליק, אַלזאָ אויב די ווילסט זי גט'ן
וועל איך מיט איהר רעדען אַז זי
זאָל נעמען אַ גט, דער יונגערמאַן איז
דערויף בעשטאַנען און דער פאָטער
האָט איהר דאָס געזאָגט איז זי אויך
בעשטאַנען, און ער האָט זי גע'גט,
דערנאָך האָט זי געהאַט אַ יונגעל און
דער פאָטער האָט איהם גענומען צו
זיך, און זי איז אַוועק מיט דעם
גענעראַל קיין אויסלאַנד, און דער גביר
האָט דאָס קינד אויף געהאָדעוועט און
געגעבען אין חדרים אַריין צו לערנען,
און אַז עס איז דערוואַקסען געוואָרען
האָט ער מיט איהם אַ שידוך געטוהן,
און מען האָט איהם גערופען אין
שטאָדט דעם גביר'ס אייניקעל, דען
דער פאָטער זיינער איז נאָך אַוועק
איידער ער איז געבוירען געוואָרען
און די מוטער איז אויך באַלד אַוועק,
און ער האָט זיך געמאַכט אַ מסחר אין
שטאָדט:

און אַ צייט אַרום האָבען צוויי סוחרים
אָנגעהויבען, צו ברענגען סחורה
פון אויסלאַנד, און זיי האָבען גאָר גוט
פערדינט. האָבען זיך אַנדערע סוחרים
אין זיי מקנא געווען און האָבען
נאָך געפאָרשט פון וואַנען מען ברענגט
די סחורות, און דער יונגער מאַן
דעם גביר'ס אייניקעל מיט נאָך איינעם
זענען נאָך געפאָהרען קיין אויסלאַנד
אויך ברענגען די סחורה, ווי זיי
זענען געקומען נאָהנט פון דעם אָרט
האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צו פרעגען
אויף די סחורות, האָט מען זיי גע-
זאָגט אַז צו דעם אָרט ווי די סחורות
ווערען אויסגעאַרבייט, איז נאָך דאָ
צוויי מייל, האָבען זיי געדינגען
אַ פויער זיי זאָלען דאָרט צופאָהרען,
און דער פויער וואָס זיי האָבען
געדינגען איז געוועזען אַ מילנער, ער
האָט געהאַט אַ אייגענע מיהל, און
דאַמאָלס איז געוועזען ווינטער אום
פרייטאָג, און ווי זיי האָבען אָנגעהויבען
צו פאָהרען האָט זיך געמאַכט אַ גרויסער
שניי, אַז עס איז נישט מעגליך
געוועזען בשום אופן צו פאָהרען, איז
דער מילנער אַריין געפאָהרען מיט זיי
צו זיך אין מיהל אַריין, נאָר זיי
האָבען אָבער נישט געהאַט וואָס צו
עסען האָבען זיי געבעטען דעם
מילנער ער זאָל רייטען אין שטאָדט
אַריין און זאָל זיי ברענגען עפּעס צו
עסען און אויך אַ פלאַש בראָנפען, עס
האָט איהם אַפילו נישט געגליסט צו
רייטען אין אַזאַ שלעכטען וועטער,
נאָר ווי ער האָט געהערט בראָנפען
האָט ער גאָר נישט געקלערט און איז
באַלד אַוועק געריטען אין שטאָדט
אַריין ברענגען, און ער האָט זיך
געזאָמט אין שטאָדט ביז נאַכט, ווי
זיי זענען אַזוי געזעסען האָבען זיי
געזעהן ווי אַ אַלטע פרוי איז אַראָב
געגאַנגען פון פיעקאַלעק און האָט
גענומען צוויי לעכט און האָט זיי
אָהנגעצינדען און ווי זי האָט דער-
זעהן די יודען האָט זי זיי געפרעגט

אויף

אויף יודיש פון וואנען זיי זענען, האָבען זיי געזאָגט פון ווייט פון אַ פרעמדע מדינה, האָט זי געבעטען זיי זאָלען איהר זאָגען פון וועלכער שטאָדט האָבען זיי איהר געזאָגט, האָט זי ווייטער געבעטען זיי זאָלען איהר זאָגען ווער זיי זענען פון דער שטאָדט, האָט איינער געזאָגט איך בין דעם גביר׳ס אייניקעל, ווי זי האָט דאָס דערהערט האָט זי זייער שטאַרק אָהנ-געהויבען צו וויינען, און האָט דעם יונגען מאַן געזאָגט די זאָלסט וויסען אַז איך בין דיין מוטער, וואָס איך בין אַוועק מיט אַ גענעראַל ווען די ביסט נאָך קליין געווען, און האָט איהם דערציילט אַז אין אַ צייט נאָך דעם וואָס זי איז מיט דעם גענעראַל אַוועק, האָט זי דער גענעראַל אַוועק געוואָרפען און זי האָט געמוזט נעמען אַ פראָסטען דאָרפס פויער, און מיט דעם פויער האָט זי געהאַט דעם מיל-נער, און דער מילנער האָט נאָך נישט חתונה געהאַט און זי האָט זיי געזאָגט אַז חאָטשי זי האָט געטהון אַלע עבירות פונדעסטוועגען האָט זי קיינמאָל נישט פערפעהלט קיין לעכט צו בענטשען, און איז צוריק אַרויף געגאַנגען אויפ׳ן פיעקאַליק און האָט אָהנגעהויבען זייער שטאַרק צו וויינען און תשובה צו טוהן, ביז זי איז גישטאָרבען פון פיהל הארץ ווייטאג אויף איהרע שלעכטע מעשים, וואָס זי האָט געטוהן ביי איהר גאַנץ לעבען:

און דערנאָך איז דער מילנער געקומען און האָט זיי געברענגט ברויט און חלה און בראָנפּין, און די לעכט זענען שוין געהאַט אויסגעגאַנגען, האָט ער געמיינט אַז זי האָט פערגע-סען צו צינדין לעכט, האָט ער זי געוואָרפען אַז זי זאָל זיך אויף הייבען און צינדען ליכט, אָבער זי האָט זיך גאָר נישט אָנגערופען, איז ער צו געגאַנגען און האָט געזעהן אַז זי ליגט טויט:

האָט זיך דער מילנער זייער שטאַרק ציוויינט, האָבען איהם די יודען געפרעגט וואָס ער וויינט אַזוי, זי איז דאָך שוין געווען אַ אַלטע, האָסטו דען געמיינט אַז זי וועט אייביג לעבען, האָט דער מילנער זיי געזאָגט דאָס ער וויינט אַזוי, ווייל ער איז צו קריגט מיט דעם גלח פון דאָרף, האָט זיך דער גלח בעריהמט אַז ווען די מוטער זיינע וועט שטאַרבען וועט ער ביי איהם צו נעמען זיין גאַנץ פערמעגען קבורה געלד, האָבען זיי געזאָגט מיר וועלען דיר אַ עצה געבין דו זאָלסט גיין צום קרעטשמער, און זאָלסט ביי איהם קויפען אַ אַלטע קאָפּקע און אַ קלייד מיט אַ פאַרטעך און מיר וועלען זי אָבשערין און אָנ-טהון די מלבושים, און מיר וועלען זי מיט נעמען אין שטאָדט אַריין, און מיר וועלען זאָגען אַז דאָס איז אַ אָרימע יודענע וואָס זי איז געשטאָרבען אין וועג, און מען וועט זי בעגראָבען אויפ׳ן יודישען בית הקברות, און עס וועט דיך נישט קאָסטען קיין איין פרוטה, און וואָס וועט דיר שאַטען אַז זי וועט ליגען אויפ׳ן יודישען בית הקברות. האָט דער מילנער זיי געהאָרכט און איז געגאַנגען צום קרעטשמער און האָט געקויפט די מלבושים, און איז אַהיים געקומען האָבען זיי זי אָבגעשוירען און אויף געלייגט אויפ׳ן מילנערס וואָגען, און ווי זיי זענען געקומען אין מיטען וועג אַריין, האָבען זיך די פערד דערשראָקען און האָבען איבער געדרייט די פיהר, און דער מילנער איז געהרג׳עט געוואָרען

געוואָרען, און זיי האָבען אריין געפיהרט דעם מת אין שטאָדט אריין, און האָבען געזאָגט אַז דאָס איז אַ אָרימע יודענע וואָס זי איז גע-שטאָרבען, און מען האָט זי קובר געוועזען אויפ׳ן יודישען בית הקברות, האָט דער דינובער רבי זכרונו לברכה געזאָגט אַז זי האָט זוכה געוועזען אַז זי זאָל קומען צו קבר ישראל און דער זוהן זאָל זאָגען נאָך איהר קדיש, און דער גוישער זוהן זאָל געהרג׳עט ווערען, ווייל זי האָט זיך געהאַלטען אין דער מצוה פון ליכט צינדען לכבוד שבת, זי האָט קיינמאָהל נישט מבטל געוועזען, אַזוי גרויס איז דער כח פון יעדער מצוה, מיר זאָלען זוכה זיין זיך צו האַלטען אין אַלע מצות אמן:

# אַ וואונדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ משה לייב סאַסיבער ז״ל:

אַמאָהל איז דעם הייליגען בערדיט-שעווער׳ס זוהן ר׳ ישראל, דער רב פון פיקאָב, גיקומען קיין סאַסיב צום רבי׳ן ר׳ משה לייב ז״ל, האָט דער סאַסיבער גיזאָגט צום פיקאָווער רב איך האָב עטליכע גוטע אַרענדאַרס און איך וויל צו זיי אַביסעל אַרויס פאָהרען, וואָלט איך גיוואָלט אַז איהר זאָלט אויך מיט מיר מיט פאָהרען, ער האָט איהם איינגעשטימט דערויף, האָט דער סאַסיבער גיהייסען איינ-שפאַנען די פערד און זענען אַוועק גיפאָרען, און ווי זיי זענען געקומען אין אַ דאָרף אַריין איז געוואָהרען אַ גרויסער שלאַקס רעגען, און זיי זענען גיפאָהרען אין אַ אָפענער פיהר, האָט זיי דערזעהן אַ יוד פון דאָרף, און ער האָט גיקענט דעם סאַסיבער רבי׳ן דען ער און זיין ווייב פלעגען אַלע מאָהל פאָהרען קיין סאַסיב, האָט ער אָהנגעהויבען צו שרייען רבי קומט אַריין צו מיר אין שטוב אַריין דען איהר וועט דאָך אויסגעווייקט ווערען פון רעגען, האָט דער רבי איהם גיפרעגט צו ער האָט אַ אָרט זיי אַריין צו נעמען אין שטוב אַריין, האָט ער געזאָגט יאָ. דער יוד האָט אַרויס גישטעלט די קיה פון שטוב און אויס גירייניגט און זיי אַריין גענומען, און דער רבי ר׳ משה לייב האָט אַלע מאָהל געזאָגט רבונו של עולם די זאָלסט מיר נישט פערשטערין מיין שמחה, און דער פיקעווער רב האָט נישט פערשטאַנען וואָס ער מיינט דער מיט, און וואָס אַ שמחה ער האָט דאָ, נאָר ער האָט געוואוסט אַז דעם סאַסיבער רבי׳נ׳ס פאָהרען איז נישט אומזונסט אָהן אַ כוונה, און אין דרויסען האָט אַלע מאָהל מעהר גערעגינט, זייא האָבין זיך גישטעלט דאַווינען מנחה און מעריב, און דער נאָך האָט דער יוד אַריינגעבראַנגט צוויי גלעזער הייסע מילך און האָט זיי גיגעבען צו טרינקען און האָט אַריין געבראַנגט שטרוי און האָט זיי אויס געבעט אויף דער ערד, און זיי האָבען זיך געלייגט שלאָפען, און דאָס קאַלב איז אויך געלעגען איז שטוב אויפ׳ן שטרוי נעבען

געבין זיי, אין דער פריא האָט זיך
דער רבי ר' משה לייב אויף גיהויבין
מיט אַ גרויסע שמחה, און האָט געפרעגט
די בעל הבית'טע מיט וואָס פאַר
אַ אָהנבייסען זי וועט זיי איף נעמין,
האָט זי געזאָגט אַז דער רבי וועט
אָב דאַווינען וועט איהר שוין זעהן,
האָט דער סאַסיבער געזאָגט צום
פיקעווער רב לאָמיר לייגין טלית און
תפילין, זיי האָבין זיך געשטעלט
דאַווינען און ווי זיי האָבין אָב געדאַווינט
האָט מען זיי געגעבען אַ שיסעל הירז
איינגעקאָכט אין דער מילך, דער רבי
ר' משה לייב האָט אָהנגעהויבען צו
עסין אין האָט געזאָגט צום פיקיווער
רב עסט דען די הירז איז זייער גוט,
איהר האָט נאָך קיינמאָהל נישט גיהאַט
אַ טעם אין עסין ווי אין דער הירז
איז דאָ, נאָר דער פיקיווער רב איז
גיוועזען געוואָהנט אַזוי ווי אין אַ גרויסע
שטאָדט, און ער האָט קיינמאָהל אַזאַ
מאכל נישט גיגעסען, האָט ער גיגעסען
איין לעפיל, און מיין האָט ער נישט
גיוואָלט עסין, נאָר דער רבי ר' משה
לייב האָט איהם אַלע מאָהל געזאָגט
עסט, דען די הירז איז זייער גוט, האָט
ער גענומען נאָך אַ לעפיל און האָט
גיגעסען:

דער נאָך האָט דער רבי ר' משה לייב
גיפרעגט די בעל הבית'טע ווי
זי האָט גענומען די הירז, האָט זי
געזאָגט אַז זי האָט געליגען ביי דער
מילנערין, האָט ער זי גיפרעגט צו די
מילנערין איז אַ גוטע און לייט איהר
אַלע מאָהל, האָט זי געזאָגט יאָ, האָט
ער זי גיפרעגט צו דער מילנער איז
אויך אַ גוטער מענטש, האָט זי גיזאָגט
ניין ער איז אַ שלעכטער, און ער
שלאָגט דאָס ווייב אַלע מאָהל און זי
אַנטלויפט צו מיר, האָט דער רבי
גיפרעגט צו זי האָט נאָך אַ סאַך פון
דער גיטער הירז וואָס זי האָט דיר
געליגען, האָט זי געענטפערט ניין, זי
האָט מעהר נישט געהאַט נאָהר דאָס
ביסעל הירז וואָס זי האָט מיר געליגען,
האָט דער רבי געפרעגט און דער מאַן
ווייסט אַז זי לייט דיר אַלע מאָהל,
האָט זי געזאָגט ניין, האָט דער רבי
געפרעגט אַז איהר מאַן זאָל וויסען
אַז זי האָט דיר אַוועק געבאָרגט די
הירז וואָס וואָלט ער געזאָגט, האָט זי
געזאָגט ער וואָלט זיך אויף איהר
געבייזערט, האָט דער רבי געזאָגט צו
דער בעל הבית'טע, הער וואָס איך
וועל דיר זאָגען, דער מילנער וועט
אַהיים קומען און ער וועט זי פרעגין
ווי די הירז איז דאָ און וועט זי
שלאָגען אַזוי ווי זיין שטייגער איז,
וועט זי אַנטלויפין צו דיר און זי
וועט זאָגען אַז זי וויל זיך מגייר זיין
זאָלסטו מיט איהר קומען צו מיר,
און דער רבי האָט זיך אָבגעזעגענט
און זענען אַוועק געפאָרען, און אַזוי
איז טאַקי געוועזען, דער מילנער איז
אַהיים געקומען און האָט דאָס ווייב
געפרעגט ווי די הירז איז, און האָט
זי אָהנגעהויבען צו שלאָגען, איז זי
אַנטלאָפין צו דער יודינע און האָט
איהר געזאָגט אַז זי וויל זיך מגייר
זיין, האָט די יודינע זי גענומען קיין
סאַסיב און דער רבי האָט איהר מיט
געגעבען אַ בריף צו זיינס אַ בעקאַנטען
רב אין אַ אַנדערע שטאָדט, און ער
האָט זי מגייר געוועזין און עס
איז פון איהר אַרויס געקומען גרויסע
צדיקים:

# נאָך אַ ווּנדערליכע מעשה פון רבין ר' משה לייב סאַסיבער זצ"ל:

דער הייליגער רבי ר' משה לייב סאַסיבער, איז געווען זייער חשוב ביי די גרויסע פריצים, איינמאָהל איז הצדיק ר' הירשלי זדיטשובער געקומען אויף שבת קיין סאַסיב האָט ער געזעהן אַז נאָכדעם ווי דער רבי איז געגאַנגען ערב שבת פון מקוה און עס איז נישט מעהר געווען ווי צוויי שעה צו שבת, איז דער רבי געגאַנגען אינטער דער שטאָדט, איז דאָס ר' הירשיל'ען געווען אַ ווינדער, און האָט בעשלאָסען איהם נאָך צו געהן און זעהן וועגען וואָס פאַר אַ ענין ער געהט, דערווייל האָט ער געזעהן אַז עס איז אַ דורך געפאָהרען אַ פריץ מיט זיין ווייב און קינד, און ווי דער פריץ האָט דערזעהן אַז דער סאַסיבער רבי געהט, האָט ער זיך אָב געשטעלט דען ער האָט געקענט דעם רבי'ן און האָט מיט איהם אָהנגעהויבען צו ריידען אונגאַריש, דען דער סאַסיבער זכרונו לברכה האָט גערעדט גוט אונגאַריש, האָט איהם דער רבי געפרעגט ווער די פריצה איז, האָט ער געזאָגט אַז דאָס איז זיין ווייב און דאָס איז זייער קינד, האָט ער זייער אָב געלויבט פאַר'ן פריץ זיין ווייב מיט דעם קינד אַז זיי זענען זייער שיין און מיט אַלע מעלות, דערנאָך האָט ער איהם געפרעגט ווער איז דער פאָרמאַן, האָט איהם דער פריץ געענטפערט דאָס איז אַ יוד וואָס איז געזעסין אין מיין קרעטשמע און האָט מיר נישט בעצאָהלט די ראַטעס האָב איך איהם גענומען פאַר אַ אייביגען קנעכט, האָט איהם דער רבי געזאָגט ער איז דאָך אַ פויער און אַ נאַרישער מענטש עס פאַסט גאָהר נישט פאַר אַזאַ גרויסען פריץ צו פאָהרען מיט אַזאַ פאָהרמאַן, גיב איהם מיר, האָט דער פריץ געזאָגט איך קען דאָס נישט, דען ער איז אַ שלעכטער מענטש און ער האָט מיר שוין אַ לאַנגע צייט קיין ראַטעס נישט געצאָהלט:

וויא דער פריץ איז אַוועק געפאָהרען אַפאָהר טריט האָט דער פאָרמאַן בעדרייט די קאַריטע, און דער פריץ מיט'ן ווייב און קינד זענען אַנידער געפאַלען אויף דער ערד און האָבען זיך צוקלאַפט, און דער רבי איז תיכף צו געלאָפען און האָט זיי געהאָלפען אויפ־הייבען און האָט ווייטער געזאָגט צום פריץ גיב מיר דעם פאָהרמאַן דען עס פאַסט נישט פאַר דיר די זאָלסט פאָהרען מיט אַזוי אַנידריגען און שלעכטען מענש, און דער פריץ האָט נישט געוואָלט און ער האָט געקריצט מיט די ציין אויף דעם פאָהרמאַן און האָט געזאָגט ער מוז ביי מיר זיין אַ אייביגער קנעכט, און זענען ווייטער אַוועק געפאָהרען, ווי זיי זענען נאָך אַ פאָר טריט אָבגעפאָהרען האָט דער פאָהרמאַן ווייטער איבער געדרייט די קאַרעטע און דער רבי איז ווייטער געגאַנגען זיי אויפהייבען און האָט ווידער געבעטען דעם פריץ ער זאָל איהם געבען דעם פאָהרמאַן און האָט איהם געזאָגט די ביסט דאָך איינגעשטעלט מיט דיין גאַנץ לעבען און דיין ווייב און קינד אַז די פאָהרסט מיט אַזוי אַ שלעכטען מענטש, גיב איהם בעסער מיר אַוועק, האָט

האָט איהם דער פריץ אַוועק געגעבען און דער רבי איז מיט איהם געגאַנגען אין שטאָדט אַרײַן און האָט איהם געהייסען גײַן אָב שערען און דער נאָך גײַן אין מקוה אַרײַן, און ער האָט איהם איבער גיגעבען צו אַ מלמד ער זאָל מיט איהם לערנען, דען ער האָט שוין געהאַט פערגעסען דאָס גאַנצע יודישקײַט, און ער האָט אַפילו נישט געקענט דאַווענען און קײַן שום ברכה מאַכען, דען ער איז גיוועזען שוין אַ לאַנגע צײַט בײַ דעם פריץ און ער האָט דאָרט גיגעסען טריפות, און דער פריץ האָט איהם קיינמאָהל נישט געלאָזט אַליין גיין אין שטאָדט אַרײַן און האָט איהם נישט געלאָזט קיינמאָל ריידען מיט קיין יודען, ער זאָל נישט אַנטלויפען, און ער איז דערנאָך געוואָרען אַ גרויסער בעל תשובה און אַ ערליכער יוד, און ער האָט אַלע מאָל געפלעגט צו קומען קײַן סאַסיב צום רבי'ן ער זאָל איהם מדריך זײַן ער זאָל קענען פאַרעכטען די אַלע עבירות וואָס ער האָט געטוהן ווען ער איז גיוועזען ביים פריץ, האָט דער רבי ר' הערשעלי זידיטשובער גיזאָגט אַז אויף דעם סאַסיבער רבי'ן איז גיזאָגט געוואָרען דער פסוק „בים דרכך ושבילך במים רבים ועקבותיך לא נודעו", דאָס הײַסט אַז ער האָט אויפ'ן קאָפּ אפילו אַזעלכע וואָס זענען שוין אַ וועק פון יודישקײַט ווײַט ווי אין ים, ער זאָל זײ אומקערען צום יודישקײַט און זאָלען חוזר בתשובה זײַן:

# אַ וואונדערליכע מעשה פון ראַדישיצער רבי'ן ר' יששכר דוב ז"ל:

ווען הרב ר' מאיר יהושע ז"ל מקלימענטוב איז אויף גענומען געוואָרען אויף דעם ערשטען רבנות קיין רײַוויץ, איז ער געפאָהרען צום רבי'ן ר' בער ראַדישיצער ז"ל, איהם פרעגען צו ער איז מסכים אַז ער זאָל אָננעמען אַ רבנות, און איז גיוועזען בײַם רבי'ן איבער שבת, און זײַן מנהג איז גיוועזען ער פלעגט קײנמאָהל נישט צו דערציילען דעם רבי'ן זײַן בקשה, נאָר דער רבי אַליין פלעגט איהם זאָגען וואָס ער האָט געדאָרפען פרעגען און האָט איהם גיענטפערט אַ תשובה יאָ אָדער ניין, יעצט מיט דער שאלה פונ'ם רבנות איז אויך אַזוי גיוועזען ער האָט דעם רבי'ן גאָר ניט דערציילט, נאָר דער רבי האָט איהם אָבער אויך גאָר ניט געזאָגט וועגען דעם, נישט ביי שלום נעמען, ניט אַ גאַנצען שבת, האָט דער רב גירעכענט אַז עס איז געוויס ניט מן השמים ער זאָל רב ווערען, נאָר ווען ער איז געגאַנגען צום רבי'ן זיך גיזעגינען האָט דער רבי מיט איהם געשמועסט אַביסעל אין לערנען און אין חסידות, און צום סוף האָט ער איהם געזאָגט איך האָב גיהערט אַז איהר זענט אויף גענומען געוואָרען פאַר רייוויצער רב, און האָט איהם אָב גיגעבען מזל טוב פון דעם רייוויצער רבנות, האָט דער רב געזאָגט איך בין טאַקע געקומען אַז איך זאָל הערען וואָס דער רבי וועט זאָגען צו דעם רבנות, האָט איהם דער הייליגער ראַדישיצער געזאָגט מיך

ביסטו

ביסטו געקומען פרעגען „תם מה הוא אומר" און האָט געוויזען מיט דער האַנד אויפ'ן הימעל, דאָס הייסט אַז אין הימעל האָט מען אַזוי גוזר גיוועזען, האָט דער רב געזאָגט איך בין דאָס געקומען געוואָהר ווערען צו מען איז מסכים אין הימעל אויף דעם איך זאָל אָהננעמין אַ רבנות:

האָט דער הייליגער ראַדישיצער געזאָגט צום רב הער אויס וואָס איך וועל דיר דערציילען, ווען איך בין גיוועזען אַ יונגער מאַן פלעג איך צו פאָהרען צום רבי'ן קיין לובלין, און האָב מיך דאָרט אָב געזוימט אַ צייט בין איך פון דאָרט געפאָהרען צום רבי'ן קיין פרשיסחא, און אַז איך בין שוין אין פרשיסחא גיוועזען אַ צייט בין איך געפאָהרען קיין קאָזניטץ צום מגיד ז"ל, דער נאָך בין איך פון קאָזניטץ אַהיים געפאָהרען, און בין אַביסעל גיוועזען אין דער היים בין איך צוריק אַוועק געפאָהרען צו די רבי'ס, איינמאָהל נאָך סוכות ווי איך בין אַהיים געפאָהרען בין איך אַ דורך געפאָהרען אַ שטאָדט וואָס דאָרט האָט געוואָהנט אַ חסיד וואָס פלעגט מיך שטענדיג טרעפען אין לובלין, און ער האָט מיך דערקענט און האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט און האָט מיך אויסגיפרעגט ווי מיר דערגייט מיט אַלעס, און צו איך האָב פרנסה, און ווי ער האָט מיך גיפרעגט אויף פרנסה האָב איך איהם גאָר ניט גיענטפערט, דען איך האָב קיין פרנסה ניט געהאַט, און ער האָט דאָס בעמערקט, האָט ער מיך גיפרעגט אפשר ווילסטו זיין ביי מיר מלמד וועל איך דיר געבען דיין גאַנצע פרנסה, האָב איך מיך ביירעכינט פון וואַנען נעמט זיך דאָס עפיס אַז ער זאָל מיר אָהנשלאָגען אַזאַ זאַך, עס איז נישט אַנדערש נאָר אַז מען וויל מן השמים דאָס איך זאָל זיין מלמד, האָט מען דעם מענטש אַריין גיגעבען אין געדאַנק אַריין אַז ער זאָל מיר דאָס אָהנשלאָגען, און ווי באַלד איך האָב נאָר געגלייבט אַז דאָס איז מן השמים האָב איך גירעכענט וואָס דאַרף איך איהם פרעגען וויפיהל געלד ער וועט מיר געבען מסתמא וויפיעל מען האָט אין הימעל גוזר גיוועזען אַזוי פיעל וועט ער מיר געבען און איך האָב איינגישטימט, צו פערבלייבען ביי איהם מלמד:

און איך האָב אָנגעהויבען צו לערנען מיט זיינע קינדער און האָב איהם קיינמאָהל קיין געלד ניט גירעדט נאָר ווען ער פלעגט מיר אַליין צו געבען האָב איך גענומען און אַהיים געשיקט. צו מיין בני בית, און אַ מאָהל פלעגט ער אַליין שיקען צו מיין בני בית געלד, האָב איך איהם אויך ניט איבער גיפרעגט וויפיעל ער שיקט, דען איך האָב מיר גע־טראַכט וואָס דאַרף איך איהם פרעגען עס איז דאָך אַלעס מן השמים, ווי אַזוי מען וויל אין הימעל אַזוי איז מסתמא גוט און אַזוי דאַרף זיין, און אין סוף זמן אַז איך האָב מיך מיט איהם געזעגענט איך זאָל אַהיים פאָהרען אויף פסח, האָט ער מיר ווידער גענעבען עטליכע רו"כ און האָט מיך גיבעטען איך זאָל נאָך יום טוב צוריק קומען צו איהם, און זיין דעם צווייטען זמן ביי איהם מלמד, און איך האָב אַזוי געטוהן און אין דעם צווייטען זמן האָב איך מיך אויך אַזוי געפיהרט ווי דעם ערשטען, דהיינו איך האָב איהם נישט געמאָהנט קיין געלד און ניט געפרעגט וויפיעל ער שיקט אַ היים:

אַמאָהל האָט דער בעל הבית מיך געפרעגט

געפרעגט וואָס איז די מעשה וואָס די פרעגסט גאָר נישט וויפיעל איך גיב דיר און די ווילסט דיך גאָר נישט מיט מיר קיינמאָהל אָברעכענען צי איך האָב דיר שוין אָב געגעבען דאָס גאַנצע געלד אָדער צו איך בין דיר נאָך עפעס שולדיג, און די מאָהנסט מיך קיינמאָל גאָר נישט, האָב איך איהם גיענטפערט, די מיינסט אַז איך בין ביי דיר מלמד פון דיין ווילען, ווייל די האָסט מיך געבעטען, ניין, די זאָלסט וויסען אַז יעדען זאַך איז פון הימעל, און ווען נישט מען זאָל ווען אין הימעל וואָלט איך ביי דיר נישט געוועזען פאַרבליבען אויף קיין מלומדות, אין ממילא אַז איך גלייב אַז מען וויל אין הימעל אַז איך זאָל ביי דיר זיין מלמד וואָס האָב איך דיך צו מאָנען געלד מכתמא האָט מען אין הימעל גוזר געוועזען ווי פיעל די זאָלסט מיר געבען, און איך בין ביי איהם געוועזען דעם צווייטען זמן, און צום סוף זמן האָב איך מיך מיט איהם געזעגענט און ער האָט מיר געגעבען עטליכע רובעל און האָט מיר שוין נישט געזאָגט אַז איך זאָל צו איהם קומען און איך האָב איהם אויך נישט געפרעגט דען איך האָב גיגלויבט אַז אַלעס איז מן השמים, בין איך אַ היים געפאָהרען קיין פשעדבאָרז דען איך האָב יונגערמאַן ווייז געוואָהנט אין פשעדבאָרז, און בין געזעסען טאָג און נאַכט אין בית המדרש און עוסק געווען אין תורה ועבודה, און קיינער האָט נישט געוויסט צו איך קען עפיס לערנען, דען איך האָב מיך שטאַרק געהיטען אַז עס זאָל דערפון קיינער נישט וויסען, און אין דער גאַנצער שטאָדט האָט מען מיך גערופען בעריל בטלן, דען איך האָב פאַר קיינעם נישט געוויזען מיין לומדות נאָר מעהרסטען טייל ווען מענשען זענען געווען אין בית מדרש האָב איך געזאָגט תהלים אין מעמדות און אַנדערע תפלות מיט גרויס געוויין, דריבער האָט מען מיך געהאַלטען פאַר אַ פראָסטען מענש און אַ בטלן:

אַמָאהל איז געקומען אַ אורח אין בית המדרש אַריין, און ער האָט מיך תיכף דערקענט, דען ער האָט מיך פיהל מאָהל געזעהן אין קאָזניץ ביים הייליגען מגיד ז"ל, איז ער צו מיר צו געקומען און איך האָב איהם געגעבען שלום, און האָב מיך מיט איהם געפריידט און האָב איהם געפרעגט וואָס ער טהוט דאָ, האָט ער מיר דערציילט אַז ער האָט אַ דערוואַקסען מיידעל און ער דאַרף מיט איהר אַ שידוך טוהן נאָר ער האָט קיין פרוטה נישט, איז ער געוועזען ביי דעם הייליגען מגיד און האָט זיך פאַר איהם מתנצל געוועזען, האָט איהם דער מגיד גיהייסען ער זאָל אַרום פאָהרען צווישען די חסידים, און האָט איהם געגעבען אַ בריעף אַז מען זאָל איהם געבין שיינע נדבות, דען ער איז אַ עני הגון און ער דאַרף אויף דער גרויסער מצוה פון הכנסת כלה, און ווי ער האָט מיר דאָס אַלעס דערציילט האָט ער מיר געזאָגט יעצט מיין ליבער חבר זאָלסט וויסען אַזוי ווי איך האָב נישט קיין שום בעקאַנטען אויסער דיר וואָס איך האָב דיך דערקענט און די האָסט מיך אויך דערקענט, איז אויף דיר מוטל די גרויסע מצוה אַז די זאָלסט גיין און שאַפען פאַר מיינעט וועגען געלד, האָב איך געענטפערט אמת אויף מיר איז טאַקי מוטל די מצוה און איך וואָלט גערין

דיר

דיר די טובה געטהון דען איך קען דיך, אָבער לײדער בין איך זייער אַנידעריגער מענטש אין דער שטאָדט, און די דאַרפסט אוודאי אַ שעהנע נדבה און אַז איך וועל גײן וועל איך גאָר נישט מאַכען, דען מיר וועלען אַ סאַך מענשען גאָר נישט געבען, און אַפילו די וואָס וועלען מיר שוין יאָ געבען וועט מען מיר געבען אַ האַלבען גראָשען אָדער שוין אַ גאַנצען גראָשען מעהר געוויס נישט, אַלזאָ ליבער פרײנד איז מײן עצה אַז די זאָלסט שאַפען אַ איש נכבד וואָס ער זאָל אַרום גײן פון דײנעט וועגען, און ער זאָל דיר שאַפען אַ שײנע נדבה צו דעם גרויסען ענין וואָס די דאַרפסט, אָבער דער מענש האָט מיך נאָך אַ מאָהל געבעטען, און איך האָב איהם נאָך אַ מאָהל געזאָגט דאָס זעלבע אַז ער זאָל גלייבען דאָס איך מיין נאָר פאַר זײן טובה וועגען, און האָב איהם געבעטען ער זאָל נישט בייז זײן אויף מיר וואָס איך זאָג איהם אָב, דען איך מיין נאָר זײן טובה, איז ער אַוועק געגאַנגען נישט צו פרידען, און האָט מיר געזאָגט אויב עס איז יאָ אַזוי, איז אַ סימן אַז די ביסט נישט אין צעטיל פון השי"ת, און איז באַלד אַוועק געגאַנגען:

דערנאָך האָב איך מיך איבער גירעכענט וואָס האָט דער יונגער מאַן מיר געזאָגט אַז איך שטיי נישט אין צעטיל פון השי"ת איך האָב דאָך איהם געזאָגט דעם אמת, אַז איך מיין פאַר זײן טובה וועגען, און וואָס קען איך דען טוהן אַז איך בין אַזאַ נידע־ריגער מענש אין שטאָדט, פאַר דעם קומט מיך צו זידלען אַז איך בין נישט בכלל ישראל, און האָב נישט געקענט איינרוהען, ביז איך בין אַרויס געלאָפען אין גאַס אַרײן און האָב איהם געפרעגט פאַר וואָס ער האָט מיך אַזוי געזידעלט, האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ שמײכעל, חלילה, איך זאָל איבער אַזאַ זאַך אַ מענש מבזה זײן, נאָר איך וועל דיר דערצײלען אַ מעשה וועסטו וויסען פאַר וואָס איך האָב דיר אַזוי געזאָגט און וואָס איך האָב געמײנט, דאַמאָלס ווען דער רבי האָט מיר געזאָגט איך זאָל אַרום פאָהרען צווישען די חסידים און צונויף נעמען אויף נדן פאַר מײן טאָכטער וועגען, האָב איך געזאָגט דעם רבי'ן אַז עס איז מיר זײער שווער די זאַך, ווײל איך האָב קײנמאָהל ניט געבעטען קײן נדבות און איך ווייס גאָר ניט ווי אַזוי, און ווער וועט וועלען פאַר מיינעט וועגען אַרום גיין, און אין וועלכע שטאָדט זאָל איך פאָהרען, האָט מיר דער רבי גיגעבען אַ בריף זײן אייגען כתב און האָט מיר געזאָגט איך זאָל אַרויס גיין אין מאַרק אַרײן און צו דער ערשטער פוהר וואָס די וועסט פרעגען צו זי וועט דיך אויף נעמען, זאָלסטו מיט איהר פאָהרען און אין הימעל האָט מען שוין געמאַכט אַ צעטיל, אין וועלכע שטעדט די זאָלסט אַרום פאָהרען און וויפיעל די זאָלסט מאַכען אין יעדער שטאָדט, און ווער זאָל דיר שאַפען געלד, און וויפיעל יעדער איינער זאָל געבען, דאָס אַלעס האָט שוין השי"ת געמאַכט אַ צעטיל פערדיינעט וועגען, און האָט מיך אָב געזעגענט, און ווי איך האָב דיך גיבעטען צוויי מאָהל און די האָסט מיר אָב געזאָגט האָב איך פער־שטאַנען מסתמא ביסטו ניט פערצייכענט אין דעם צעטיל וואָס השי"ת האָט געמאַכט פאַר מיינעט וועגען, דען ווען די וואָלסט געוועזען אין דעם

צעטיל

צעטיל וואָלסטו ניט אָב געזאָגט, אָבער איך האָב חלילה ניט געמיינט דיך מבזה צו זיין, און ווי איך האָב דאָס געהערט וואָס דער הייליגער קאָזניצער מגיד ז"ל האָט געזאָגט זענען מיר די ריוח גוט איינגעגאַנגען, און האָב מיר געטראַכט אויב עס איז אַזוי אפשר שטיי איך יאָ אין השי"ת צעטיל, אַלזאָ איז ביי מיר בעשלאָסען געוואָרען איך זאָל פרובען גיין פאַר זיינעט הייגן נאָך אַ נדבה, דען עס איז דאָך אַלעס אָן געצייכענט פון השמים וויפיעל יעדער זאָל געבען איז קיין חילוק נישט צו איך בין אַ אָנגעזעהענער מענש אין שטאָדט צו ניט, און איך האָב איהם געפרעגט וויפיעל דאַרפסטו אויף נדן פאַר דיין טאָכטער, האָט ער געזאָגט אומווייניגסטען פיער הונדערט גולדען, בין איך באַלד אַרויס געגאַנגען אין מאַרק אַריין אין דעם טאָג איז פונקט געווען אַ מאַרקס טאָג, איז דאָרט געווען פיהל פרעמדע סוחרים, און בין צו געגאַנגען צום ערשטען סוחר און האָב געבעטען ער זאָל מיר געבען אַ שיינע נדבה אויף אַ נייטיגע זאַך, האָט ער אַרויס גענומען הונדערט גילדען, און האָט מיר באַלד געגעבען, און איך געבליבען שטיין זייער איבער ראַשט פון דער זאַך, דען איך האָב געזעהן אַז השי"ת האָט מצליח געווען מיין וועג און האָב געלויבט השי"ת וואָס ער האָט מיך מזכה געווען מיט דער גרויסער מצוה און האָט מיך איינגעשריבען אין דעם צעטיל פון די וואָס דאַרפען זיך משתדל זיין אין דער מצוה פון הכנסת כלה, און האָב שוין געקראָגען חשק צו גיין און איך בין געגאַנגען מיט אַזאַ דרייסקייט דאָס וועמען איך האָב גערעדט האָט מיר ניט אָב געזאָגט, און אין עטליכע שעה האָב איך אַליין צו זאַמען גענומען די גאַנצע פיער הונדערט גולדען און געבּרענגט דעם חסיד אין בית מדרש אַריין, דאַמאָלס האָב איך פערשטאַנען אַז די גאַנצע כוונה פון הייליגען קאָזניצער איז געווען נאָר אויף מיר, און איך האָב מיך צוריק געזעצט לערנען אין בית מדרש אַזוי ווי מיין שטייגער איז געווען אַז עס זאָל קיינער ניט וויסען דערפון, און איך בין געווען אַ גרויסער אָרימאַן ר"ל, אַז עס איז געווען טעג וואָס עס איז אין מיין שטוב קיין שום עסענוואַרג נישט אַריין געקומען, און איך מיט מיין גאַנץ בני בית האָבען מיר געפאַסט אַ גאַנצען טאָג:

**אַמאָהל** בין איך אַזוי הונגעריג געוואָרען אַז איך האָב שוין נישט געקענט איבער האַלטען, האָב איך געזאָגט ווען עס זאָל מיר עמיצער יעצט געבען עטליכע גראָשען אויף ברויט, וואָלט ער זיך געקויפט עולם הבא, דעריבער וועל איך אַליין קויפען די מצוה און איך האָב געזוכט עפיס אין שטוב צו פערזעצען אויף ברויט אָבער עס איז גאָר נישט געווען, האָב איך גענומען מיין גאַרטעל און האָב זי פערזעצט ביי דעם בעקער און האָב פאַר איהר גענומען אַ ברויט און אַזוי מיט מיין בני בית האָבען זיך דערהאַלטען דאָס לעבען, איינמאָהל האָב איך געפאַסט עטליכע טעג און עס איז קיין שום עסענוואַרג אין מיין מויל ניט אַריין געקומען, און עס האָט דערפון קיינער נישט געוויסט, און איך האָב אויך קיינעם ניט דערציילט דערפון, און ביי מיין שכן איז אַ קינד נישט געזונד געווען האָט מען גערופען דעם דאָקטער האָט ער געזאָגט אַז עס איז זייער שלעכט, דען ער האָט

האָט קיין שום רפואה נישט פאַר דעם קינד, האָט זיין ווייב געזאָגט צו איהם, פאָלג מיך און גיי אַריין צו אינזער שכן בעריל בטלן, און גיב איהם אַכצען גראָשין ער זאָל זאָגען תהלים פאַר אונזער קינד, אפשר וועט זיך השי"ת איבער אונז דערבאַרמען און וועט שיקען דעם קיגד אַ רפואה בזכות דעם תהלים, איז דער מאַן אַריין געקומען צו מיר און האָט זייער געוויינט און האָט מיר געגעבען אַכצען גראָשען און האָט מיך געבעטען איך זאָל זאָגען תהלים און בעטען אַז זיין קינד זאָל האָבען אַ רפואה, דען די דאָקטוירים קענען שוין גאָר נישט העלפען און דאָס קינד האָט שוין געהאַלטען ביי גסיסה ר"ל, האָב איך באַלד גענומען אַ פאָהר גראָשען און געקויפט אַ ברויט און זיך געוואַשען און געמאַכט המוציא, דער ווייל האָב איך מיך איבער געריכענט אפשר איז שוין דאָס קינד חלילה געשטאָרבען און איך האָב נאָך קיין תהלים נישט געזאָגט, איז דאָך דאָס געלד גזילה, [illegible] דעה האָט ער מיר דאָך געגעבען אַז איך זאָל בעטען פאַר זיין קינד, און ווי אַזוי מעג איך עסען דאָס ברויט, האָב איך געזאָגט צו מיין ווייב לאָמער גיין צו דעם שכן געוואָהר ווערין וואָס דאָס קינד מאַכט, און מיר זענען מיט זייער צו בראָכענע הערצער צו געגאַנגען צו דעם שכן און מיר זענען געשטאַנען אינטער די לאָדען הערין וואָס דאָס קינד מאַכט, האָבען מיר געהערט אַז דאָס קינד וויינט און אין שטיב איז שטיל, האָבען מיר פערשטאַנען אַז השי"ת האָט שוין געהאָלפען און דעם קינד איז בעסער געוואָרען, זענען מיר צוריק געגאַנגען און מיר האָבען געקאָנטשעט דאָס עסען, און פון דאַמאָלס אָהן האָבען אָנגעהויבען מענשען קומען צו מיר מיט פערשידענע בקשות און גיבען מיר געלד און איך מוז פון זיי נעמין איך זאָל האָבען מיט וואָס זיך מפרנס צו זיין, דען איך פערשטייא אַז מען וויל אַזוי פון הימעל, און אַזוי איז מיט דיר אויך, אַז די ביסט אויף גענומען געוואָהרען פאַר אַ רב, די זאָלסט פירען די יודען אין וועג פון השי"ת, זאָלסט נישט מיינען אַז דיין פרנסה איז אָב העגגיג אין די בעלי בתים, נאָר די זאָלסט וויסען אַז אַלעס איז מן השמים און אין הימעל האָט מען דיך געקריינט מיט'ן רבנות, און זאָלסט נישט קיין מורא האָבען פאַר קיין שום מענש, מעג ער זיין דער גרעסטער יכּור און אַ תקיף אין שטאָדט דען ער וועט דיר גאָר קיין שלעכטס נישט קענען טוהן, און די זאָלסט קיינעם נישט נושא פנים זיין נאָר פיהרען דאָס רבנות לשם שמים וועט דיר השי"ת געבען חן, און די בעלי בתים וועלען פאַר דיר דרך ארץ האָבען:

## אַ וואונדערליכע מעשה פון הייליגען רבי'ן ר' אורי סטרעליסקער ז"ל:

דער הייליגער רבי ר' אורי סטרע-ליסקער איז אין זייבע יונגע יאָהרען געפאָהרען צום רבי'ן ר' שלמה קאַרלינער ז"ל, און צום רבי'ן

ר' וועלוועלי זיטאמער ז"ל און האט
געוואהנט אין לעמבערג אין א קעלער
שטוב, און איז געזעסן טעג און
נעכט אין בית המדרש און געלערענט
און געדינט השם יתברך מיט
גרויס התלהבות אזוי ווי ער האט
געלערענט ביי זיינע רבי'ס, און ער
האט זיך געפיהרט זעהר פארבארגען
אז עס זאל קיינער נישט וויסען פון
זיינע הייליגע מדרגות, איינמאהל האט
ער געמאכט א ברית און ווי געוועהנליך
איז דער ברית געוועזען אין בית
המדרש, און ער האט מכבד געוועזען
דעם בעוואוסטען חסידישען גביר ר'
לייב דיממעלעס, דעם הייליגען רבי'ן
פון לובלין'ס א שוואגער, מיט דער
מצוה פון סנדקאות, נאך דעם ברית
איז דער עולם אהיים געגאנגען צום
בעל ברית אויף דער סעודת מצוה,
אזוי ווי דאמאלס איז דער מנהג
געוועזען אז יעדען בעל ברית האט
געמאכט א סעודה, אבער ער האט
נישט געהאט פאר וואס א סעודה צו
מאכען, און קיינער האט דערפון
נישט געוויסט, ווי דער עולם איז
אריין געקומען אין זיין שטיב אריין
און האבען זיך אנידער געזעצט ביי
דעם טיש און געווארט מען זאל ארויף
געבען לעקאך און בראנפען אבער
עס איז גאר נישט געוועזען אין זיין
שטיב מיט וואס דעם עולם מכבד צו
זיין, און דער הייליגער סטרעליסקער
האט זיך ארום געדרייט אין שטוב
אהין און צוריק פערקלערט אין זיינע
הייליגע געדאנקען:

האט זיין ווייב די געוויינערען זייער
שטארק אנגעהויבען צו וויינען
פאר גרויס בושה וואס זי האט נישט
דעם עולם מיט וואס מכבד צו זיין,
און ווי ער האט געהערט איהר געוויין
האט ער זיך אנגערופען צו איהר נו
אז אורי האט נישט קיין סעודה צו
מאכען דער פאר קומט אז אורי זאל
זיין קינד נישט מאכען חלילה פאר
קיין יוד, און זיינע הייליגע רייד
האבען געמאכט א גרויסען איינדרוק
אויף אלע מענשען וואס זענען געוועזען
און זיי האבען געשיקט נאך לעקאך
און בראנפען, און האבען געהייסען
אב קאכען א סעודה פאר זייער געלד
און האבען זיך זייער געפרייד אויף
דער סעודה, נאהר דער חסיד ר' לייב
דיממעלס האט זיך גוט צו געקוקט
אויף דעם בעל ברית פיהרונג, האט
ער דערקענט אז ער מוז זיין א גרויסער
צדיק נאר ער בעהאלט זיך עס זאל
קיינער פון איהם נישט וויסען,
און צו מארגענס האט ער געפרעגט
דעם הייליגען סטרעליסקער פון וואנען
זיין פרנסה איז, האט ער א'הם געזאגט
אז ער האט צוויי קוה וואס ער האט
פון זיי פרנסה, האט ר' לייב געמיינט
אז ער האט מילעך צו פערקויפען,
איז ער אהיים געגאנגען און האט
אנגעזאגט אז פון היינט אהן זאל מען
קויפען מילעך ביי ר' אורי וואס
וואהנט אין קעלער שטוב, דען ער
האט צוויי קוה וואס ער האט פון
זיי פרנסה, און אויך זאלען זיי איהם
בעצאלען טייערער ווי א צווייטען,
כדי ער זאל האבען פרנסה בריוות,
האבען זיי אזוי געטוהן און האבען
געשיקט צו ר' אורי'ן נאך מילעך:
ווי די דינסט איז אריין געקומען צו
אורי'ן און האט געזאגט אז זי
וויל מילעך, האט ר' אורי'ס ווייב זיך
אויף איהר אהנגעבייזערט און געזאגט
די האסט ניט מעהר פון וועמין קיין
לצנות צו מאכען נאר פון מיר, פון
וואנען האב איך מילעך עס איז שוין
פיהל

פיהל יאהרען וואס אין מיין שטוב קומט קיין מילעך ניט אריין, זאל איך נאך האבען צו פערקויפען? איז די דינסט צוריק געקומען און האט דאס דערצייהלט, און ווי ר׳ לייב האט דאס געהערט האט ער זיך שטארק פערווינדערט דען ער האט פערשטאנען אז אזא מענש ווי דער ר׳ אורי זאגט קיין ליגענט ניט:

אז ווי ער איז געקומען אין דער פריה אין בית מדרש אריין, האט ער געפרעגט ר׳ אורי׳ן פאר וואס ער האט איהם אזוי געענטפערט אז ער האט צוויי קוה און ער האט פון זיי פרנסה, און ער האט געשיקט צו איהם נאך מילעך האט זיין ווייב געזאגט אז זיי האבען שוין פיהל יאהרען קיין מילעך פאר די אויגען ניט געזעהן, האט דער הייליגער סטרעליסקער געזאגט איך האב איין חלילה ניט אפ גענארט דאס איך האב פון די צוויי קוה פרנסה, איינע איז „כי בו ישמח לבנו" דאס איז טייטש אז אונזער הארץ פרייט זיך מיט השי"ת, און די צווייטע, „כי בשם קדשו בטחנו", דאס איז טייטש אז אין זיין הייליגען נאמען פערזיכערען מיר זיך, פון די צוויי כי איז מיין פרנסה, דאמאלס האט ער הערשט געזעהן אז ער וויל זיך בעהאלטען אז עס זאל קיינער פון איהם ניט וויסען, און ער איז א גרויסער בעהאלטענער צדיק, האט ר׳ לייב דימעלעס אהנגעזאגט זיין ווייב אז זי זאל אריין שיקען צו ר׳ אורי׳ן זיין גאנץ בעדערפעניש אז ער זאל אלעס האבען בריוות, נאר זי זאל דאס טוהן קליג אז ר׳ אורי זאל דערפון ניט געוואהר ווערין, האט זי אזוי געטוהן עטליכע וואכען, און דער הייליגער סטרעליסקער ווייל ער איז שטענדיג געווען פערטוהן אין זיינע הייליגע געדאנקען האט ער קיינמאהל קיין צייט ניט געהאט צו פרעגען זיין ווייב ווי זי האט גענומען אהנצוגרייטען אזוי ברחבה מעהר ווי פריהער, איינמאהל שבת איז ער געזעסען ביים טיש, און איז זייער פריילעך געווען האט ער געפרעגט זיין ווייב ווי זי נעמט היינט צו פיהרען זיך ברייטער ווי אלע מאהל, האט זי איהם געמוזט אויס זאגען דעם אמת אז ר׳ לייב דימעלעס שיקט איהר אלעס וואס זי דארף, און ווי ער האט דאס געהערט האט ער שטארק אפ געזיפצט און באלד נאך שבת האט ער געזאגט צו זיין ווייב, איך זעה אז השי"ת וויל אז איך זאל מיך ברייטער פיהרען אין לעבען בעסער, אבער ניט דאס איז דער גלייכער וועג וואס איך האב געלערענט פון רבי׳ס צו פערלאזען זיך אויף א מענש חלילה, און איך וויל ניט אז ר׳ לייב דימעלעס זאל זיין מיין שפייזער, נאר השי"ת אליין זאל אונז שפייזען, דען עס איז בעסער זיך צו פערזיכערין אין השי"ת ווי אין די גרעסטע נדיבים, און האט באלד געדינגען א סוהר פון לעמבערג קיין סטרעליסק וואס איז ניט ווייט פון לעמבערג, און דארט האט מען איהם נישט געקענט, און אין א קליינע צייט איז ער דארט מפורסם געווארען פאר א גרויסען צדיק און פיהל יודען זענין צו איהם געקומען בעטען ער זאל זיי פיהרען אין השי"ת וועג זיין זכות זאל אינז בייששטיין:

אין

# אַווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון נודע ביהודה ז"ל:

אין דער צייט ווען דער נודע ביהודה איז געוועזען רב אין פראָג איז געווען אַ גרויסער עושר און אַ בעל צדקה וואָס ער איז געוואָרען ר"ל אַ יורד, איז ער געקומען צום נודע ביהודה און האָט פאַר איהם זייער געוויינט און דערציילט זיין ביטערען שטאַנד ער זאָל איהם עפּעס אַ עצה געבען, איז געגאַנגען דער נודע ביהודה און האָט איהם אָבגעשריבען אַ בריעף אַזוי ווי ער איז געוועזען אַ גרויסער עושר און אַ בעל מעשים טובים זאָל מען איהם מקרב זיין און שטיצען מיט וואָס נאָר מעגליך איז, דער גביר איז אַוועק אויף דער מדינה מיט דיזען בריף און ווי ער איז געקומען האָט מען איהם זייער מקרב געוועזען, און ער האָט געמאַכט אַ סאַך געלד, אַ מאָהל איז דער אָרימאַן געקומען קיין בראָד איז איהם אויס-געקומען דאָרט צו האַלטען שבת, און איז פערבעטען געוואָרען פון אַ גביר אויף שבת, אין דערזעלבער שוהל איז געוועזען אַ גרויסער בעל דרשן, וואָס האָט אויך געגעסען ביי דעם זעלבען גביר, שבת ביי דעם עסען האָט דער בעל הבית געלייענט דעם בריף פון אורח און איהם שטאַרק בעדויערט, און דער בעל דרשן האָט אויך געהערט לייענען דעם בריעף און האָט אויך בעדויערט דעם אָרימאַן, און זיי ביידע האָבען איהם צו געזאָגט אַז זיי וועלען איהם אַ טובה טוהן, נאָך דעם עסען, האָט דער גביר אָב געגעבען אַ בעזונדער חדר פאַר די אורחים, און זיי זענען ביידע געגאַנגען זיך לייגען שלאָפען, ווי דער אָרימאַן איז אַנטשלאָפען געוואָרען האָט זיך דער בעל דרשן אויף געהויבען און אַרויס געגנבעט דעם בריעף און דאָס גאַנצע געלד און איז ביי נאַכט אַנטלאָפען געוואָרען, אין דער פרי ווי דער אָרימאַן הייבט זיך אויף האָט ער געזעהן די גניבה, האָט ער זייער געוויינט און איז אַריין געלאָפען צום גביר דערציילען, האָט דער גביר באַלד געשיקט זיינע משרתים זוכען דעם בעל דרשן אין דער גאַנצער שטאָדט אָבער זיי האָבען איהם שוין ניט געפונען דען ער איז נאָך ביי נאַכט אַוועק פון דער שטאָדט, און מען האָט ניט געקאָנט וויסען ווי ער איז געפאָהרען, האָט דער אָרימאַן שוין געמוזט אָנהייבען בעטלען ווי אַ גע-וועהנליכער אָרימאַן, דען אפילו ער האָט דערציילט אַלעס וואָס איהם האָט געטראָפען האָט איהם קיינער נישט געוואָלט גלייבען, ביז ער האָט אָהן געוואָהרען זיין איידיל פנים אַז מען האָט איהם שוין נישט דערקענט אַז ער איז געוועזען אַמאָהל אַ גביר:

יעצט וועלין מיר דערציילען דעם סוף פון בעל דרשן, דער בעל דרשן ווי ער איז געקומען מיט דעם בריף פון נודע ביהודה האָט מען איהם געגעבען זייער גרויסע נדבות ביז ער האָט געהאַט פיהל געלד, דער ווייל פאָהרענדיג אין וועג איז דער בעל דרשן שלאָף געוואָרען און איז געשטאָרבען, האָבען די חברה קדושה איהם בעזוכט און געפונען ביי איהם פיהל געלד און דעם בריעף פון נודע ביהודה, האָבען זיי אַראָב גענומען הונדערט רו"כ אויף כל צרכי המת, און די רעשט געלד האָבען זיי אָב געשיקט קיין פראָג צום נודע ביהודה ז"ל

ז״ל און געשריבען אַז דער מענש וואָס האָט געהאַט דעם בריעף איז געשטאָרבען, כדי זיין ווייב זאָל נישט בלייבען קיין עגונה, און ווי דאָס איז געקומען צום נודע ביהודה האָט ער תיכף דאָס געלד איבער געגעבען דעם ווייב פון דעם וואָס האָט ביי איהם גענומען דעם בריעף און ווי עס איז דורך געגאַנגען אַ צייט איז די פרוי געקומען צום נודע ביהודה פרעגען צו זי מעג חתונה האָבען, האָט ער איהר מתיר געווען וואָרום אויף דעם כתב איז געוועזען געחתמ׳ט פיהל מענשען, און עס איז דרינען קיין שום ספק נישט געוועזען, האָט זי חתונה געהאַט, און ווייל זי איז שוין דאַמאָלס אַלט געווען פינף און פופציג יאָהר, האָט זי מיט איהר מאַן מנדר געווען, אויב זיי וועלען האָבען אַ בן זכר זאָלען זיי מאַכען אַ סעודה פאַר אָרימע לייט, און וואָס די אָרימע-לייט וועלען זיך אויס ביטען וועלען זיי געבען, אין אַ יאָהר אַרום האָט זי טאַקע געהאַט אַ בן זכר, און זיי האָבען מקיים געוועזען און האָבען געמאַכט אַ אָרימע סעודה. יעצט וועלען מיר דערציילען פון דעם אָרימאַן וואָס איז בעגנבעט געוואָרען, ער האָט געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט ביז ער איז געקומען קיין פראָג פונקט אין דעם טאָג וואָס זיין ווייב האָט געמאַכט די אָרימע סעודה, און מען האָט איהם קיינער ניט דערקענט, און ווי ער האָט דערהערט אַז עס וועט זיין אַ אָרימע סעודה אין שטאָדט איז ער תיכף אַהין געגאַנגען, נאָר זאָ וויא ער האָט געזעהן די בעל הבית׳טע, האָט ער זי תיכף דערקענט און איז שטאַרק אויף גערעגט געוואָרען, און האָט שוין גאָר ניט געקענט עסען און געוויינט, איז דער בעל הבית צו איהם צו געגאַנגען און געפרעגט וואָס ער וויינט ער זאָל איהם זאָגען וועט ער איהם אַלעס געבען, האָט ער געענטפערט ער וויל זעהן די יולדת, איז דער בעל הבית געגאַנגען פרעגען דעם רב וואָס ער זאָל טוהן, האָט דער רב איהם געהייסען ווייזען, און ווי ער איז נאָר די שוועל אַריבער געטרעטען האָט די יולדת אָהנגעהויבען חליש׳ן און מען האָט זי בשום אופן נישט געקענט דערמינטערען, זענען אַלע מענשען פון שטוב צו געפאַלען צום אָרימאַן און האָבען איהם געשלאָגען מערדעריש, האָט דער אָרימאַן געבעטען מען זאָל איהם פיהרען צום רב, ווי ער איז אַריין געקומען צום נודע ביהודה האָט איהם דער נודע ביהודה דערקענט און איז שטאַרק דער שראָקען געוואָרען, און געזאָגט צו די מענשען זאָלען איהם נישט שלאָגען, דען ער איז דער געוועזענער עושר, וואָס ער אַליין האָט איהם דעם בריף געגעבען און די יולדת איז זיין ווייב און האָט איהם געבעטען ער זאָל איהם דערצעהלען וואָס מיט איהם איז געוואָרען, און ווי אַזוי דער בריף קומט צו דעם מענטש וואָס איז אין וועג געשטאָרבען, האָט ער איהם אַלעס דערציילט און דער נודע ביהודה האָט אַריין גערופען אַ מנין לומדים און זיי האָבען מתפלל געווען אַז די אשה זאָל לעבען בלייבען, און מען האָט זי דערמינטערט, האָט ער געהייסעןביידע מאַנען זאָלען זי גט׳ן:

# אַ ווּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי'ן פוּן לוּבְּלִין ז"ל.

אַמאָהל זענען די חסידים געפאָרען קיין לובלין אויף שבת און ווייל עס איז שוין געוועזען שפעט האָבּין זיי מורא געהאַט אַז זיי זאָלין נישט בּלייבּין שבת אין וועג, האָבּען זיי געבּעטען דעם בעל עגלה ער זאָל אַבּיסעל געשווינדער פאָהרען, האָט ער זיי געזאָגט אויב איהר וועט פאַר מיינעט וועגען אויך אָב געבּען אַ קוויטעל דעם רבי'ן וועל איך פאָהרען געשווינדער, האָבּען זיי איהם צו געזאָגט, ווי זיי זענען אַריין גיקומען קיין לובלין און האָבּען אָב געשריבּען קוויטלעך האָבּען זיי אָב געשריבּען פאַר'ן בעל עגלה אויך אַ קוויטעל, און זענען אַריין גיגאַנגען צום רבי'ן און אַנידער געלייגט אַלע קוויטלעך, האָט דער רבי גענומען דעם בעל עגלה'ס קוויטעל און האָט שטאַרק געקוקט דערויף און האָט געזאָגט, דער מענטש שיינט מיר זייער, האָבּין די חסידים זיך פערוואונדערט, און האָבּען געזאָגט דעם רבי'ן אַז דאָס קוויטעל איז פון זייער בעל עגלה, ער איז אָהר אַ פּראָסטער מענטש, האָט זיי ער רבי געזאָגט אפשר שיינט ער אָהר יעצט אַזוי. בּיי נאַכט ווי זיי זענען אַהיים געקומען אויף דער סטאַנציע, איז דער בעל עגלה נישט געוועזען, און איז נישט געקומען נעכטיגען, צו מאָרגענס אין דער פריה איז ער געקומען, האָבּען זיי איהם געפרעגט ווי ער איז געוועזען בּיי נאַכט, האָט ער זיי דערציילט אַז אַזוי ווי ער האָט אויס געשפּאַנט די פערד האָט ער גיהערט אין דער גאַס שפּילען איז ער געגאַנגען זעהן ווי מען שפּילט, האָט ער געזעהן אַז עס איז דאָרט אַ אָרימע חתונה, איז ער דאָרט געשטאַנען און געהערט שפּילען, ווי עס איז געקומען צו דער חופּה, האָט דער חתן געזאָגט אַז ער וועט נישט גיין צו דער חופּה בּיז דער מחותן וועט איהם געבּען אַ טלית וואָס ער האָט איהם צו געזאָגט, און דער מחותן האָט אָבער נישט געהאַט, האָט געהאַלטען דער בּיי דאָס דער שידוך זאָל בּטל ווערין, און עס איז געוואָרען אַ גרויס געשריי און אַ קריגעריי צווישען די מחותנים, בּין איך געגאַנגען און האָב געגעבּען געלד אויף אַ טלית אַבי עס זאָל זיין די חתונה, האָבּין זיי מיך שוין נישט אַוועק געלאָזט, און מיר האָבּין זיך געפרייט אַ גאַנצע נאַכט, האָבּען הערשט די חסידים פערשטאַנען פאַר וואָס דער רבי האָט געזאָגט אַז ער שיינט איהם, דורך דער גרויסער מצוה פון הכנסת כלה, וואָס ער האָט געטוהן:

---

# אַ ווּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי'ן ר' הֶעשִׁיל ז"ל.

דֶער הייליגער מאַגלניצער רבי ז"ל האָט דערציילט אַז דער רבי ר' העשיל פלעגט צו האַלטען ספּעציעל אַ מענש, אַז ער זאָל אַכטונג געבּען אויף זיינע מעשים און טאָמער וועט ער עפּיס טוהן שלעכטס זאָל ער איהם באַלד

באַלד שטראָפען, און איז שטענדיג געוועזען גיזוואָרענט צו דאַווינען אין דער צייט, איינמאָל האָט ער געהאַט אַ שווערען תוספות און ער האָט זיך אַזוי פערלערענט און פערקלערט ביז עס איז איבער געגאַנגען די צייט פון דאַווינען, און איז נישט געקומען אין דער צייט אין בית המדרש אַריין דאַווינען, דער מענש וואָס פלעגט איהם אויף יעדער זאַך שטראָפען, איז געשטאַנען גרייט אַזוי ווי ער וועט אַריין קומען זאָל ער איהם שטראָפען פאַר וואָס ער האָט פערשפעטיגט די צייט פון דאַווינען, און דער רבי ר׳ העשיל ווי ער האָט געקאָנטשעט דעם תוספות און האָט געזעהן אַז עס איז שוין נאָך דער צייט פון דאַווינען, האָט ער זיך גערעכט אַז ער וועט אַריין קומען אין בית המדרש וועט איהם דער מענש אַ וודאי שטראָפען וואָס ער האָט פערזאָהמט צו קומען דאַווינען אין דער צייט, אָבער ווי פאַר ווינדערט איז ער געוואָרען, אַז ער איז אַריין געקומען אין בית המדרש און האָט געטראָפען דער בעל מוסר שטייט ביי דער טיהר, און קוקט איהם אויס ער זאָל איהם אָנשרייען און שטראָפען ער זאָל שוין מעהר נישט פאַר שפעטיגען די צייט פון דאַווינען און לסוף האָט ער איהם גאָר נישט געזאָגט, איז ער געגאַנגען אויף זיין אָרט און האָט זיך געשטעלט דאַווינען, נאָך דעם דאַווינען איז ער צו געגאַנגען [illegible]יין בעל מוסר און האָט איהם ג[illegible]פרעגט פאַר וואָס ער האָט איהם נישט געשטראָפט אויף דעם וואָס ער איז געקומען שפעט אין בית המדרש אַריין דאַווינען, און ער האָט פער־שפעטיגט דעם זמן פון דאַווינען, האָט דער מענש געזאָגט אמת איך האָב דיך טאַקע געוואָלט שטראָפען, און איך בין דערויף געשטאַנען גרייט ביי דער טיהר, אַז אַזוי ווי די וועסט נאָר אַריין קומען זאָל איך דיך באַלד אָנשרייען און שטראָפען, נאָהר ווי די ביסט אַריין געקומען זענען מיט דיר אַריין געקומען דער רבינו יצחק און דער רבינו תם דער מחבר פון תוספות, און האָבען דיך אַרום גע־רינגעלט, האָב איך מיך פאַר זיי דערשראָקען, און האָב דיך נישט געשטראָפט, דען איך האָב פאַר זיי דרך ארץ געהאַט. האָט דער רבי ר׳ העשיל געזאָגט אַז דאָס איז געוועזען ווייל ער האָט זיך גימאַטערט צו פערענטפערין זייערע רייד, און דורך דעם האָב איך פערשפעטיגט דאָס דאַווינען, זענען זיי מיט איהם געקומען: